STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02657

SHKLAFEN HENDLER

Mosheh Rikhter

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה ריכטער

משה ריכטער'ס דראַמאַ'ס

שקלאַפֿען הענדלער

(מעדכען־הענדלער)

דראַמאַ אין 4 אַקטען.

אַלע רעכטע געגענאיבער בּיהנען און דרוקערייען פֿאַרבעהאַלטען.
Alle Rechte gegenüber Bühnen u. Druckereien vorbehalten.

לעמבערג — נויארק
פֿערלאַג אָסקאַר שרעק און קאָמפּ.
דרוק, „דרוקאַרניאַ לוואָווסקאַ" לעמבערג, קאָפּערניקאַ 11
1914.

פּערזאָנען:

לייבעל רעדליך ווייערמאַכער און זלאַטניק — איד ביי 46 יאָהר
אַן איידלער מענש — קען אַ ביסעל דריבנע אותיותי
אָרעם אָבער ריין געקליידעט

גליקעל זיין פרוי, דיזעלבע יאָהרען

יענטאַל אַן אלמנה 27 יאָהר אַלט } זייערע קינדער
לאַהיקע אַ מיידעל 18 יאָהר אַלט }

אַליהו פולוער גליקעלס פאָטער, אַ שניידער 60 יאָהר אלט
מחלה זיין צווייטע פרוי ביי 36 יאָהר אַלט
טוביה געזעלען ביי רעדליך 25 יאָהר אַלט
פייוועל אַ שטונדענגעבער 40 יאָהר אַלט
מיסטער קאָהן אויס אַמעריקאַ 28 יאָהר
מיסטער סמיטה „ „ 30 „

פּאָליציי, דעטעקטיווס אין גאַליציען, צוויי אימיגריישאַן בעאַמטען פון עליס איילאַנד.

אָרט דער האַנדלונג: ערשטע צוויי אַקטען אין לעמבערג, די אַנדערע צוויי אַקטען אין אַמעריקאַ — פון צווייטען ביז דריטען אַקט 1 יאָהר צייט.

צייט: געגענוואַרט.

ערשטער אקט.

שטעלט פאר א צימער ביי לייבעל רעדליך. — דאס צימער איז שעהן בעל־בתיש — טיש, און זעסעל שפיגעל, און אן אויווען. — ביי איין פענסטער שטעהט א טישעל מיט צוויי זעסעל, אן איינגעריכטעט ווארסטעטעל צו זייגערמאכעריי און גאלדשמידעריי — אויף דער וואנד הענגען אלטע, פאר־ריכטע און ניט פארריכטע זייגערס, — פון צימער פיהרט איין טהיר אין א צימער וואו אליהו וואוינט, און איין טהיר אין קיך אריין. איין טהיר אין קארידאר אריין. ווען דער פארהאנג געהט אויף, — שטעהט מחלה און זוכט אין שאפע אין אלקער, באלד קומט אריין גליקעל פון קיך מיט טישטוך לעגט עס אויפ'ן טיש, זי גיט א קוק אין אלקער און זעהט ווי מחלה זוכט.

גליקעל: וואס זוכט איהר דארט אזוינס מוהמע?

מחלה: מיינעס א'ן אלטען אונטערראק, אויף צו מאכען א פאאר האנטשעס פאר מיין אלטען, ער איז דא געלעגען אין שאפע.

גליקעל: דער ברוינער מיט די שווארצע טופען?

מחלה: יא, יא! — איך האב מיר שוין אויסגעדרייט דעם קאפ זוכענדיג.

גליקעל: ער ליגט אין קיך אונטער'ן קאָפּערט פֿונ'ם קויטיגען גרעט. (מחלה גייט אין קיך אַריין. — גליקעל נעמט זאַלצמעסטיל מיט לעפֿעל לעגט צום טיש, וויל זיך לאָזען גיין אין קיך, מחלה קומט איהר צוריק אַקעגען מיט'ן אונטערראָק אין האַנד).

מחלה: ער איז אײַנגעוויקעלט אויסגעשמירט מיט קריד.

גליקעל: לייקע האָט מיט איהם דאָנערשטאָג געפּוצט די לייכטער.

מחלה: אוי איז דאָס אַ לייקע! אַך שמעקען אייערע לאָקשען מיט אַרבעס, אַ מחיה, אַ מערכה איך בין נישט אין ניינטען חודש! וואָס הערט זיך מיט לייקען? מאַכט זי נאָך אַלץ די חנ'דאַלעך? אוי יונגע קינדער! יונגע קינדער! ליבעס! וואו קומט עס צו אונז פּראָסטאַקעס ליבעס? זאָלען זיי זיך עס האַלטען דאָרט אין די הויכע פֿענסטער.

גליקעל: וואו ליבע! ווער ליבע! טוביה איז אַ גאַנץ פֿיינער בחור, אַ שטילער, נישט קיין אויסברענגער! לייגט צוזאַמען יעדען העלער איז ביי אונז טאַקע קיין אַנדערער קלער געווען, ווי איהם צו נעהמען פֿאַר אַ חתן צו לייקע'ן אָבער ווער מיר ליבע? אַצונד אָבער, אַז דער גרויסער רבונו של עולם האָט אונז צוגעשיקט אַזאַ גליק! און ער זאָל טאַקע ווייטער העלפֿען, דער גרויסער פּאָטער אין הימעל, אַז דער מיסטער קאָהן זאָל חלילה נישט חרטה האָבען, וועלען מיר אם ירצה השם היינט אָדער מאָרגען מאַכען תנאים.

מחלה: וואָס רעדט איהר פֿון חרטה האָבען? ר' פֿייוועל דער שטונדענגעבער האָט געזאָגט צו מיין מאַן, אַז דער מיסטער קאָהן פּרט פּשוט נאָך איהר, ער האָט געזאָגט צו ר' פֿייוולען, אַז לאָה'קען פּאַסט צו זיצען אין הויף ביים קייזער'ס טיש, און צו זיין אַ בת מלכה. (אויפֿטריט יענטאַ'ל).

יענטאַל: גוטען אָוועגד! וואו איז דער טאַטע?

גליקעל: ער קומט בודאי באַלד.

מחלה: ער איז נאָך נישטאָ מיט'ן זיידען פֿון מנחה מעריב.

ג ל י ק ע ל: וואָס הערט מען בעסער מיט לייקען?

י ע נ ט א ל: איבער צוויי שעה בין איך מיט איהר אַרום געגאַנגען אין זיוויטער גאָרטען אין האָדיע, זי האַלט זיך ביי איינעם, טוביה, און נור טוביה.

מ ח ל ה: די היינטיגע מוידען ווילען גאָר נישט גלויבען אין קיין זווג. אָט למשל איך; האָב איך מיך געפּאַסט צו זיין דיין זיידענ'ס ווייב? אָדער דיינע אַ שטיעפּבאָבע? — מענשען האָבען אָבער געזאָגט: מחלה! ס'איז אַ זווג, האָב איך באַלד געענטפערט, ר' אליהו! שיקט נאָכ'ן רב און חזן און 4 דראָנגען און שטעלט אַ חופּה.

י ע נ ט א ל: מאַמע! ווייסט מיר האָבען גערעד, מיט מיסטער קאָהן!

ג ל י ק ע ל: וואָס הייסט? ווי אַזוי?

י ע נ ט א ל: זיצענדיג אין זיוויטער גאָרטען, קומט זיך דער בחור צו און זעצט זיך נעבען אונז אַניעדער.

ג ל י ק ע ל: (בעגייסטערט) וואָס רעדסטו? ער האָט צו אייך עפּיס געשמועסט?

י ע נ ט א ל: דו פרעגסט אַ קשיה אויף איין אַמעריקאַנטשיק! זיינע ערשטע ווערטער זענען געווען, אויב איך האָב קיין טעות, וואוינט איהר אין איין הויז מיט ר' פייוועל שטונדענגעבער? אויף דער סמאָטשאַ גאַס?

ג ל י ק ע ל: לייקע האָט צו איהם אויך גערעד?

י ע נ ט א ל: גערעד, און געשפּאַסט און אַריינגערוקט עטליכע שטיכווערטלעך, ווי איהר שטייגער איז.

ג ל י ק ע ל: (געערגערט) אוי אַ וויי איז מיר! האָט ער זיך בוודאי געפונען בעליידיגט אין פון אייך אַנטלאָפען?

י ע נ ט א ל: חלילה! ער האָט געלאַכט און געזאָגט מיט אַ שפּריכוואָרט "וואָס ליעבט זיך, דאָס נעקט זיך".

מ ח ל ה: איין אַמעריקאַנטשיק זאָל זיך געפונען בעליידיגט! מיין מאַן זאָגט, אַז די אַמעריקאַנער חברה זענען אַזוי ווי די קעץ,

וואַרף זיי אַרויס דורכ'ן פֿענסטער, קריעכען זיי צוריק אַריין דורכ'ן קוימען.

יענטאַל: מאַמע! איז ער געגאַנגען אין צוויי בריליאַנטענע רינגען, די אויגען האָבען אַנגעהויבען טרערען קוקענדיג אויף זיי, אין אַ זייגער מיט אַ קייט, זאָל דאָס ווערטה זיין אפשר טויזענד קראָנען, מוהמע! וואו איז דער זיידע? איך וויל איהם פֿרעגען עטליכע אַמעריקאַנישע ווערטער. מאַמע! די אַמעריקאַנער רעדען עפּיס אַמין יודיש אַז ס'איז אונמעגליך זיי באַלד צו פֿערשטעהן.

(אויפטריט ר' אליהו אַלוסטיגער אַלטיטשקער. ביי די 60 יאָהר, אָבער נאָך גענוג קרעפֿטיג. נישט איינגעבויגען, אָרעם אָבער ריין געקליידעט. געהט אין וואַרפֿט אַביסעל מיט די פֿיס).

אליהו (האַלב שמייכלענד און אַביסעל ברוגז'לעך) גוטען אָוועָנד! איך האָב איהם איבערגעלאָזט מיט זיי און בין מיר אַוועק געגאַנגען. (מחלה לאָזט זיך געהן אין קיך אַריין) וואו געהסטו מחלה?

מחלה: איך געה דיר מאַכען אַ ציבעלקעלע מיט שמאַלץ. (מחלה אַב אין קיך אַריין).

גליקעל: וואו איז לייבעל? טאַטע?

אליהו: איך האָב איהם איבערגעלאָזט אין שולעכען — שוין 8 טעג נאָך שמיני עצרת און איהם קען מען זיין כעס נישט שטילען, פֿאַר וואָס מען האָט ביי איהם אַוועק גענומען זיין גשם בענטשען.

גליקעל: ווייל ער איז גערעכט, האָט אַסך אין דיין שניידערשען שוהלעכעל חיטים, אַזעלכע אידעלע אידען ווי לייבעל איז? טאַקע אַ זייגערמאַכער, אַ יעדער ווייסט, אָבער אַז צו זיין קענען און אידעלקייט פּאַסט איהם צו זיין אַ רב, ווייל ער וויל דיך בעשיינען, און געהט צו די גראָבע יונגען, קומט איהם צו בעליידיגען?

יענטאל: ווען דער טאַטע זאָל וועלען ראש השנה — יום כפור דאַווענען אין איין אַנדער שוהלעכען וואָלט ער גענומען

אפשר 25 גולדען און ביי זיי, ביי די שכורים, דאווענט ער אומזיסט, קומט איהם נאך צו ערגערן?

א ל י ה ו: הע! הע! קאטשקעס! נור נישט בעלײדיגען מײן שנײדער שוהלעכען! גליקעל! יענטאל! קומט נור אהער נעהנטער צו מיר, איך וועל אייך זאגען א סוד — ווען לייבעל דאווענט מיט זיין קול נאר איינמאל ראש השנה אין אנאנדער שוהלעכען קושט מען איהם אין די הענד, אז ער זאל יום כפור דאווענען ו י י ט ע ר, ווייטער מיט עטליכע גאסען.

ג ל י ק ע ל: עה דו מיט דיינע חכמות, יענטאל! וואו איז די פלאש? איך וועל ארויף חאפען א קוואטירעל בראנפען דער טאטע קומט באלד (זי נעמט די שאל יענטאל גיט איהר א פלעשעל, זי לאזט זיך געהן).

א ל י ה ו: גליקעל! ברענג מיר ארויף א פעקיל טיטין. (גליקעל געהט אב. ער נעמט ארויס א קליין פייקעלע, צילעט דורך דעם ציבעכעל א דראט מיט א לאנגען שטריקעל). יענטאל! קום אהער, העלף דעם זיידען די מלאכה (גיט איהר צו האלטען איין זייט און פוטצט).

י ע נ ט ע ל: עה זיידע! האסט מיך מכבד געווען מיט א שווערער ארבייט (זי פערשטעלט זיך די נאז).

א ל י ה ו: געה דו נארעלע, פערשטעל נישט די נאז! דאס איז דוקא פון גאט ברוך הוא צו א רפואה. דו קענסט נישט לײדען דעם ריח, און ווען דו בעקומסט א קאטער דארפסטו צו דעם פארעם שמעקען, נישט מעהר ווי 4 וואכען מוז דער קאטער תיכף פערשווינדען.

י ע נ ט א ל (נאך דעם אויספוטצען) איך האב גאר פערגעסען; זיידע! איך וויל דיך פרעגען עטליכע ענגלישע ווערטער. (ער פעררייכערט זיך די לולקע — און זי נעהמט ארויס א פאפיער פון האנדטאש) וואס מיינט מען אויף דעם אמעריקאנישען שפראך (לעזט) „סעקיום מיר“?

אליהו (לאַכט) נישט טעקיוז מיר, נור „סקיוז מי“ — דאָס הייסט אויף אידיש מחילה בעטען, און אויף פוילישׁ „פּשעפּראַשאַם“.

יענטאל: וואָס הייסט „שור“ און „טראָבּעל“?

אליהו: ווי קומט דאָס צו דיר? עה דו קלאַפּטע דו האָסט געמיינט געפונען מיינעם אַנאַלטען בריעף, וואָס איך האָב אַמאָל אהיים געשריעבען פֿון אַמעריקאַ. „שור“ הייסט אויפ'ן זיכער — למשל דו דאַרפסט זאָגען „ער האָט מיך גענומען אויפ'ן זיכער“ זאָגסטו דאַרטען ער האָט מיך גענומען אויפ'ן שור; און טראָבּעל! זעהסטו, מיט דעם איינעם וואָרט קומסטו אָב אין אַמעריקאַ פּיעלע זאַכען, למשל דער אויוען האָט היינט נישט גוט געקאָכט, הייסט עס „אוי האָב איך היינט מיט'ן אויוען טראָבּעל“ — אַז סאָשע וואוינט נישט מיט'ן מאַן — איז סאָשע האָט טראָבּעל מיט'ן מאַן“ און אַז דו דאַרפסט דאָרט איינעם מנחם אָבל זיין נאָך אַ טויטען, זאָגט מען „אייהר זאָלט שוין אָבּגעהיט ווערען פֿון טראָבּעל“.

יענטאל: נאָך איין וואָרט זיידעניו, וואָס הייסט דאָס? „מיין דיער ליידי“.

אליהו (קלערט) ניין! דאָס איז נישט קיין ענגליש.

יענטאל: איך האָב עס היינט געהערט פֿון איין אַמעריקאַנער אפשר צעהן מאָל.

אליהו: מוז ער אפשר קענען נאָך אַ שפּראַך, איך האָב געוואָהנט זעקס יאָהר אין סאַפאָלק סטריט, און צוויי יאָהר אין פּיטט סטריט און האָב דאָס וואָרט נישט געהערט, דריי יאָהר בין איך געוועזען פּרעזידענט פֿון אונזער חברה „קאָנגרעגיישאָן אָוו נו-יאָרק, בית הכנסת אנשי קילקוב, יאַריטשאָוו, טאָפּאָראָוו, קראַנקען אונטערשטיצונג בענעוואָלענט אַסאָססיאיישאָן“ און קיין איין מעמבער האָט צו מיר דאָס וואָרט נישט בענוצט, דאָס איז נישט קיין ענגליש (ער טהוט אויס די בעקעשע, געהט צו צו דער טהיר פֿון דער קיך. צו מחלה'ן) מחלה! גיעב מיר אַ שטיקעל וואָל אַטלעס, איך דאַרף מיר מאַכען צוויי לאַטעס אין דער פּאָטשעווקע.

מחלה (פון קיך): איך וועל דיר באלד געבען. (אליהו זעצט זיך פאר'ן אויווען־באנק — פאנגט אן אויסשערען לעכער פון דער צערריסענער פאטשעווקע).

אויפטריט לייבעל

לייבעל: גוטען אווענד! וואי זענט איהר אהין געקומען שווער? איך האב זיי געגעבען ביז דעם ווידען תרח אריין. — אזעלכע שיכורים! דאס יאהר אויף'ן רויטען מרדכי וואס פאר אן „אף ברי“ ער האט אנידערגעלעגט. איך וועל זיי נאך נעמען די גאל מיט זיין „גשם“ בענשען. יענטעל! וואו איז די מאמע?

יענטעל: זי איז געגאנגען ארויף נעהמען בראנפען. (ער נעמט זיך אנטהון די ארבייטס בעקעשע). ווארט טאטע! זעץ דיך נישט ארבייטען, דאס עסען איז פארטיג.

לייבעל: איך מוז אויסענדיגען פאר סימאנען דאס זייגעריל, ער האט מיך געבעטען, ער פאדערט פארטאג אוועק דארף ער עס האבען. (נעמט זיך ארבייטען. — אויפטריט מחלה פון קיך, ווישט זיך די אויגען מיט'ן פארטוך).

מחלה: קום אריין עסען! (צו אליהו).

אליהו: איך וועל ווארטען, גליקעל איז געגאנגען נאך בראנפען. וואס ביסטו עפעס אזוי פערוויינט? זעה נור צוויי אויגען טרעהרען, אזוי ווי צום „ונתנה תקף“, וואס האסטו דארט, מזכיר נשמות געווען?

מחלה: יא מזכיר נשמות געווען מיט מצ״ים ציבעלעס, זענען זיי אזוי הארב אז ס'עסט אויס די אויגען. (זי געהט צו זיכען וואל אטלאס אין שאפע — לייבעל ארבייט און זינגט זיך).

לייבעל: אף ברי אתת שם שד מטר. (ער כאפט נישט דעם ניגון) אף ברי. (פריפט עטליכע מאל). עס געהט נישט, דאס איז נישט דער נוסח. — (נערוועז) — יענטעל! נישטא נאך די מאמע מיט'ן בראנפען? (ער ארבייט. — מחלה גיט אליהו וואל אטלאס אין געהט אב אין קיך). אף ברי. — אף ברי. — שווער! ווי אזוי געהט עס?

אליהו: דווקא אַ בעל תפילה און זאָל האָבען אַזאַ פֿער־ ניִיטען מוח, וויפֿיעל מאָל איך האָב עס אין דיר שוין אַריין פֿער־ סטריִגעוועט אין קאָפּ אַריין. (מיט׳ן ניגון) אַף ברי, דער זומער גערט אַוועק — און דער ווינטער ריקט צו — און דאַרף אַריין מוז מען לויפֿען — האָלץ דאַרף מען קויפֿען — און קיין געלד איז נישטאָ!....

ליבעל: (שטאַרק בעגייסטערט). גוט! גוט! „אַף ברי״! ווייסט איהר וואָס שוועֶר, זאָגט איהר עס מיט אייערע ווערטער און איך וועל מיר געהן נאָך מיט׳ן ניסח.

אליהו: אַף ברי.

ליבעל: אַף ברי.

אליהו: „דער זומער גערט אַוועק און דער ווינטער ריקט צו״.

ליבעל: „אתת שם שד מטר״. — גוט, גוט!.... וויטער... וויטער....

אליהו: דער פעלץ איז צוביסען.

ליבעל: להעביב ולהענין.

אליהו: די שטיוועל צעריסען.

ליבעל: להעביב ולהענין. — גוט, גוט שוועֶר!

אליהו: „און קיין געלד איז נישטאָ״.

ליבעל: להריק להמטר. וואויל וואויל! וויטער, וויטער!

אויפֿטריט גליקעל

אליהו: (מיט׳ן ניגון). „גליקעל איז שוין דאָ מיט׳ן בראָנפֿען״.

ליבעל: „מים אבים בם גיא לעטר״... נו! וואָס זענט איהר שטעהען געבליעבען?

אליהו: שוטה אַז ס׳איז דאָ אַ פלעשעל בראָנפֿען אויף לחיים, צו וואָס טויג אונז צו בעטען אויף מים? (ליבעל לייגט אַוועק דאָס זייגערל אליהו אויך, נעמען דעם בראָנפֿען און טרינקען „לחיים״).

יענטע: וואָס האָסטו דיך אַזוי לאַנג געזוימט, מאַמע?

גליקעל: געזוימט! ווען איך האָב נישט קיין מורא דאָס עסן וועט קאַלט ווערן, שטעה איך דאָרט אַוועק, ווער ווייסט ווי לאַנג. — דאָס גאַנצע הויז איז דאָך אונז מקנא — גאָטעניו! שונאים זאָלען אונז נאָר נישט קאַליע מאַכען. לייבעל! האָסט נישט געזעהען ר׳ פייוול׳ן אין שילעכיל?

לייבעל: נאָך פאַר מנחה ומעריב, ער האָט געזאָגט, ער וועט נאָך דאָ היינט זיין — וואו איז לייקע?

יענטעל: זי איז ביי פּריטשען.

לייבעל: רוף זי אַריין. (יענטעל אָב).

גליקעל: ווייסט לייבעל! דער מיסטער קאָהן האָט זיך שוין היינט געזעהען מיט לייקען אין זוויטער גאַרטען — טאַקע גע־רעד אויך, יענטעל דערצעהלט, געהט ער צוויי רינגען אויף די פינגער אַזוי ווי די קאַטשענע אייער.

לייבעל: שווער! וואָס זאָגט איהר צו דעם שדוך? מיר שרעקט זיך עפּעס אַביסעל דאָס האַרץ.

גליקעל: דאָס האַרץ שרעקט זיך דיר ווייל דיר דאַכט זיך אוים אַז דו ביזט אַזאַ גליק נישט ווערטה.

אליהו: אַ שדוך איז ווי אַ מלבוש, אַמאָל קען דאָס בעסטע שטיק וואָל אַטלאַס אָנקומען פאַר אַ לאַטע צו אַ צעריסענע קאַפּאָטע. (ציינט).

לייבעל: אמת, אַ זיווג איז מן השמים און אַז דער רבונו של עולם ציעהט אָן דעם זייגער ריכטיג און שטעלט ביידע ווייזערס גוט אויפ׳ן פּלאַץ, קען דאָס ווערק זיך האַלטען אַזוי לאַנג מען לעבט!

גליקעל: אַ שידוך מיין ליעבער מאַן איז ווי אַ קוגעל — מען פערדוקט איהם אין טשאָלענט און ווי אַזוי דער מלאך וויל אַזוי קומט ער אַרויס.

לייבעל: איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, ווען מען זאָל אין מיר נישט אַזוי פיעל אַריינרעדען, וואָלט מיך דאָס נישט

אַזוי איבערראַשט. אמת, אַ גליק, אַ שעהנער יונגערמאַן, רייך, צאָהלט מיר נאָך צו, אָבער וואָס וועל איך האָבען פֿון דעם גאַנצען גליק — צוויי אויגען אין קאָפּ, צוויי אויסגעוויינטע קינדער, יעגטעלעס נחת איז מיר שוין האַלב פֿערשטעהרט ביי 27 יאָהר געבליעבען אַן אַלמנה מיט אַ קינד, צוריק געקומען זיצען ביים טאַטען און אַצינד געהן נעמען דאָס צווייטע שוואַרצע אַפּעל פֿון דעם אויג, מיין זיסע לייקעלע, און זי אַוועקגעבען צו איינעם וואָס איך קען איהם נישט, ווייס נישט ווער ער איז, וואָלט ער כאָטש גע-וואָלט בלייבען דאָ מיט אונז.

גליקעל: דו רעדסט אַזוי ווי איינער מיינע שונאים -פֿון אַ משוגעים הויז, ער האָט דאָרטען אַזוי פֿיעל געשעפֿטען, וועט ער בלייבען (דאָ מיט אונז! גלויב מיר לייבעל! אַז די וועסט מיט דיין אָפּלייגען קען, היינט מאָרגען, מאָרגען, איבער מאָרגען, אַרויס-ברענגען, אַז ער וועט חתונה האָבען און דערנאָך וועסטו דיר נאָך קלאַפּען אין האַרץ אַריין, אַז דו, דו האָסט צערשטערט דאָס גליק פֿון אונזער קינד מיט אייגענע הענד.

לייבעל: גלויב מיר גליקעל! איך וואָלט מיר בעסער גע-וואונשען, צו זעהן לייקען חתונה געמאַכט מיט טוביה'ן, אַ שטילער בחור, אַ פֿיינער יונגערמאַן, די קינדער האָבען זיך ליעב און איך וואָלט מיר גיכער געהאַט דאָס קינד נעבען מיר, לייקעלע וועט לאַכען, טאַנצען, שפּרינגען, זינגען, וועט דער טאַטע אויך הנאה האָבען, גאָט בעהיט ביי איין עגמת נפש, איז תיכף דאָ דער טאַטע, מיט דער מאַמען, ביי דער זייט, אַזוי ווער? וואָס, ווען? גליקעל! הערסט וואָס איך וועל דיר זאָגען, איך רעכען די פֿיוול'ן היינט אָבצוזאָגען, דאָס איז צו אַ גרויס גליק פֿאַר לייבעל זייגערמאַכער, אַ גליק וואָס עס וועט זיין געמישט מיט טרעהרען, אַ נחת דורכ-געקנעטען מיט האַרץ-וועהטיג, אַ תענוג איינגעטונקען אין שמער-צען, בענקעניש און נודניש — הערסט? איך וויל נישט קיין גליק — שווער וואָס זאָגט איהר?

אליהו: דאָס וואָס דו שרעקסט דיך פֿאַר אַמעריקאַ, פֿאַר

דעם האָב מיר קיין פֿאַראיבעל, רעדסטו, ווי זאָגען זיי דאָרט אין אַמעריקאַ ווי אַ גרינהאָרן; זעהסט אָט דאָס אַמעריקאַ איך מיין די גרויסע שטאָדט נו־יאָרק, איז פונקט לעמבערג. דאָ אין לעמבערג, האָבען מיר אַ פֿאַר דער שוהל, מיט אַ ציבולנע־גאַס, סמאָטשאַ־גאַס און אַ באָזשניצאַ, וואָס פֿרומע אידען וואוינען, אַזוי איז דאָרט דאָ אַ סאַפּאָלקן סטריט, אַ ריד, אַ פּיד, אַ העסטער און אַ עסעך סטריט, וואָס לויטער פֿרומע אידען וואוינען, דיזעלבע בלאָטע אַ גאַנץ יאָהר, דער זעלבער ריח ניחוח, אַפילו דיזעלבע פנים'ער, שולעכער צום דאַווענען איז אין בית אשר אין שם מת, אין אַ יעדען שאָפּ, סאַלון, און קעלער, טרעפסטו דאָרט אַן אָרון קודש מיט אַ שולחן און קנאַק יאַנקעל — פֿון רבנים איז חלילה גאָר קיין מאַנגעל דאָרט, כל דיכפין ייתי ויכל. דאָרט איז דאָ אַזאַ מאַשין, אַז מען רוקט אַריין אַן אָקסענטרייבער פֿון איראָפּאַ דורך איין זייט, קומט אַרויס פֿון דער צווייטער זייט מאַשין, מיט איין דרעה מיט דער קאָרבע אַ איד מיט אַ ברייטער באָרד, מיט אַ סטאָף פּייס (צילינדער) מיט אַ פֿראַק און שרייט (מיט'ן ניגון). מקדש עמו ישראל על ידי חופה וקידושין. נאַרעלע! קלער נישט אַ סך, נישט יעדען טאָג טרעפֿט זיך אַזאַ גליק — איי וואָס דו וועסט בענקען נאָך לייקען? איז ויאמר געזאָגט, וידבר גערעד, ויקהל פקודי צוגע־שניטען און מטות מסעי געפֿאָהרען. מיר דאַרפֿען אידם נור זאָגען איין וואָרט און לך לך, לייבעל רעדליך מיט זיין גליקעל, יענטאַל מיט'ן בניק, הולך קיין אַמעריקאַ און אליהו מיט זיין זוגתו תחיה וועלען זיך נאָכשלעפען ביים שפּיץ פֿון דער מילטער. הורייי! טרי טשערס פֿאַר דעם נעקסטען פּרעזידענט פֿון דער קאָנגרעגיישאָן אוו נויאָרק בית הכנסת אַנשי קיליקיב, יאַריטשאָוו, טאָפּאָראָוו ק'. א'. ב'. א'.

גליקעל: וואָס דען? מיר וועלען דען נישט באַלד מיט־פֿאָהרען? וועלכעס איז דען ביי אידם טהייער פֿון אונזערט וועגען.

לייבעל: אַזוי יאָ! דאָס וועט זיין דער הויפּטפּונקט וואָס איך וועל פֿערלאַנגען, ניש־קשה, לייבעל רעדליך מיט זיין מלאכה

און געבענטשטע צווײ הענד װעלן נאָך קענען פֿערדיענען ברויט אין אַמעריקאַ.

גליקעל: ער װעט דאַרפֿען אַרבײטען אין אַמעריקאַ! מיט פּרנסה װעלען מיר שוין זײן פֿאַרזאָרגט, ער זאָל נור חלילה קײן חרטה נישט האָבען, פֿאָטער געטרײער! מיסטער קאָהן האָט געזאָגט ר׳ פֿײװלען, אַז ער װעט דיך מאַכען פֿאַר פֿערװאַלטער איבער אַלע זײנע געשעפֿטען.

לײבעל: איך דאַרף נישט זײן קײן פֿערװאַלטער איך בין נאָך געזונט יונג 46 יאָהר הײסט נאָך נישט קײן אַלטער מאַן. (צײגט דאָס צװענגעלע מיט װאָס ער אַרבײט). 30 יאָהר גיט מיר שוין דאָס מישעלע ברויט, צװײ אוצרות, צװײ בריליאַנטען, צװײ שעהנע טעכטערליך האָט מיר דאָס צװענגעלע אויפֿגעצויגען אין דאָס װערקצײג װעט מיך װײטער שפּײזען אַזױ לאַנג גאָט װעט מיר געבען כח — אײן זאַך װיל איך, מײנע קינדערליך צו האָבען נעבען מיר — װאָס זױמט זיך יענטעל דאָרט אַזױ לאַנג? גליקעל רוף אַרײן דאָס קינד!

גליקעל: דאָס קינד! אַ מויד קײן עין הרע מיט אַלעם גוטען, נור צום חתונה האָבען אין בײ איהם איז נור רוף אַרײן דאָס קינד. (אָב).

לײבעל: שװער! מיר זענען דאָ אַלײן אין שטוב, איהר װײסט עס שרעקט זיך מיר עפּעס אַזױ דאָס האַרץ, איז אפשר גליקעל גערעכט, „אַז פֿאַר דעם גרויסען גליק װאָס עס טרעפֿט זיך מיר? אַנשטאָט זיך צו פֿרײען קװעלען פֿאַר תענוג, איז עפּעס אַזױ װי צעהן מיהלשטײנער זאָלען מיר פּרעסען דאָס בלאָט פֿונ׳ם האַרץ, שװער! איהר זעגט דאָך קײן עין הרע עפּעס בײ די ששים, מיט אַ קלוגען פֿערשטאַנד, װאָס זאָל דאָס זײן?

אליהו: מיט דעם בײטו שוין טאַקע אַ גאַנצער חזן, װי אַזױ מאַכען ראשי תיבות פֿון ח״ז״ן? ח. ז. ן. — חזנים זענען נאַראָנים, די מײן ליעבער אײדעם, װעסט דעם פּסח בענטשען טל אין אַמעריקאַ. און דעם אַף ברי װעסטו קנאַקען איבער אַ יאָהר אין

מײַן שוהלעכען „קאנגראַגײשאן אַוו נויאָרק בית הכנסת אַנשי קיליקאָוו, יאַריטשאָוו, טאָפּאָראָוו, קראַנקען א. ב. א. נו! װעל איך מיר געהן אויסבעטען אַ גוט יאָהר בײַ מײַן װײַבס מצרים ציבעלעס (אַב).

אויפטריט גליקעל, געאײַליג מיט אַ שנעלען געשרײַ

גליקעל: לײַבעל ער קומט שוין, טהו אויס דאָס פאַרטוך. (זי פאַנגט אָן צו רוימען). טשיפּי ר׳ פײַװעלס װײַב האָט מיר געזאָגט, אַז זײַ קומען באַלד אַרײַן מיט דעם הערדן מיסטער קאָהן, זי זאָגט אַז ער װיל נאָך הײַנט בײַ נאַכט אפשר מאַכען תנאים! (עפּענט אויף שנעל די טהיר מיט אַ קװיטש אַרײַן צום שכן). יענטעל! װאו ביסטו? (כאַפּט אין אײַלעניש צוזאַמען דאָס געשיר).

לײַבעל: (אויסטהוענדיג דאָס פאַרטוך, אונװיליג לאַנגזאַם). װאו איז לײַקע?

גליקעל: (שנעל). זי געהט שוין, זי געהט שוין, שנעלער, שנעלער! טהו דיך אָן. (לויפט מיט׳ן געשיר אין קיך — אויף דער טהיר פון קיך). טאַטע טהו דיר אָן די בעקעשע! — זײַ קומען שוין. (אַב).

(לײַבעל ריכטעט דעם װאַרטאַט אויפטריט יענטעל).

יענטעל: לאה׳קע געהט שוין. (העלפּט רוימען — פערשעהמט אַביסעל). זעהסטו טאַטע, 8 יאָהר איז שוין אַז איך האָב חתונה געהאַט, צװײַ יאָהר זײַן איך שוין אַן אַלמנה און קײנמאָל האָט מיר נאָך נישט פאַנג געטהון, פאַר װאָס איך בין נישט נאָך קײן מײדעל, װי אַצינד — דער מענש דאַרף זיך קײנמאָל נישט אײַלען, װײַל ער פערשפּעטיגט גאָר נישט (פויזע). נור לאָז זײַן מײַן שװעסטער גליקליך מסתמא, איז ער איהר װערט.

לײַבעל: געגען װאָס זאָגסטו דאָס?

יענטעל: ר׳ פײַװעלס װײַב האָט מיר געזאָגט, אַז דער מיסטער קאָהן האָט איהר געזאָגט, אַז װען איך בין אַ מײדעל.....

(אויפטריט לייקע אנגעטהון ווי פון שפאציער אין הוט. גליקעל פון קיך).

ליבעל: (ווערד מונטער אז ער דערבליקט זי). אט איז דא מיין אוצר, פאר וועלכען מען וויל מיך אזוי אפגילטען. (זי געהט אין אלקער אויסטהון דעם הוט). לייקעלע! קום אהער צום טאטען. וואס ביזטו אזוי געערגערט?

לייקע: ווער האט דען געזאגט אז עס ערגערט מיך? ערגערן קען נור נאכדעם, ווען מען האט געמאכט דעם פעהלער, אבער פריהער, נישטא פאר וואס.

גליקעל: עס ערגערט זי, ווייל מען וויל זי מאכען פאר א אידישע גרעפיניע.

ליבעל: גליקעל! איך פרעג נישט דיך! — לייקעלע! ענפערשע מיר, פאר וואס, אז דער גרויסער גאט אין הימעל האט דיך יא געבענשט מיט חן, שעהנקייט און אלע מעלות און הייגט, אז ס'איז געקומען איינער, וואס וויל פאר דעם אלעמען בעצאהלען אזוי פיעל, וואלסטו דאך בעדארפט גאט ברוך הוא צו דאנקען פאר דעם נישט צו זיין געערגערט און זיך ווארפען מיט גאט'ס גליק.

לייקע: גאטס גליק דארף מען נישט פערקויפען פאר געלד, און פונקט פערקעהרט! טאקע דערפאר ווייל דער גרויסער גאט האט מיך געבענשט מיט די אלע גוטע זאכען ווי די זאגסט, וויל איך איהם זיין דאנקבאר און זיין מתנה נישט פערקויפען פאר געלד, נור דאס אוועקשענקען דעם וואס קען נישט בעצאהלען קיין טויזענדער, נור מיט ליעבע! טאטעניו! גאט וועט בעקומען זיין דאנק אין צווייען, פון מיר און פון טוביה'ן.

ליבעל: דאס איז אויך אמת, טענה'סט ווי א חכמה, אין ארימקייט איז טוביה זעהר א גוטער שידוך, אבער דו ביזט שוין גענוג קלוג, צו פערשטעהען און וויסען, וואס פאר א לעבען מען קען אפפיהרען ביי אן ארימען ארבייטער, איין עלענד לעבען, אין דחקות און שטענדיג קלעדרען ווי מען נעמט אויף שבת.

גליקעל: אַ לעבען, אַזוי ווי די קינדער זינגען אַ לידעל, אַ גאַנצע וואָך בולבעס, שבת אַ בולבע קוגעל און זונטאָג ווידער בולבעס.

לאה׳קע: איך מיין מאַמעניו, אַז דיין וועלט ביים מאַן דעם זייגערמאַכער, פֿירסטו גליקליכער אָב ביי דעם בולבע מאכל, ווי אַמאָל איינע ביים גרעסטען גביר און יחסן מיט יעדען טאָג, געפּרעגעלטע קאַטשקעס און מיינע און יענטעל׳ס באַקען, זענען קיין עין הרע גענוג שעהן, רויט, קיילעכדיג, אויסגעפּאַסעט פֿון דעם מאכל בולבעס, וואָס זאָגסטו יענטעל?

יענטעל: וואָס איך זאָג? הלואי וואָלט איך היינט געוועזען אַ מיידעל אויף דיין אָרט, און נישט געוועסען אַן אלמנה ביים אָרי־מען טאַטען אויף דעם קאָפּ, וואָלט איך מיך מיט׳ן גליק נישט אַזוי לאַנג געשפּילט. אַ גליק וואָס קומט איין מאָל אין לעבען און איז אָבהענגיג אין אַ שעה.

לייקע: (פֿאַלט צו ווייגענד צום פֿאָטער). טאַטעניו! איהר אַלע זעהט מיין גוטע צוקונפֿט ביי די טויזענדער און איך פֿיהל זי ביי דעם וואָס מיין הערץ ציהט צו איהם. — איהר שטעלט אַלע מיין גליק אויף בלינד, אויף אַזאָלכען וואָס מען קען נישט איהם, נישט זיין כאַראַקטער, איהר האָט געפֿינען מיין מזל אין די גאָלדענע רינגען פֿון זיינע פֿינגער און דער גרויסער בריליאַנטענער שפּינקע אין זיין ווייסער ברוסט פֿונ׳ם העמד, עס דאַרף אָבער נאָך לאַנג, פֿיעל לאַנג דויערן צו וויסען וואָס אונטער דעם בריליאַנט, אינערווייניג אין האַרץ געפֿונט זיך. טאַטעניו! מיינע אויגען זענען אָבער נאָך נישט פֿערבלענדעט געוואָרען פֿון דעם בלישטש פֿונ׳ם בריליאַנט, נור דאָס גוטע אידעלע, וואָס ליעגט איינגעגראָבען טיעף. אין טוביה׳ס האַרץ, טוביה׳ס גוטקייט, טוביה׳ס בריליאַנטענע נשמה, זאָגט מיר נביאות אויף מיין צוקונפֿטיגען גליק. טאַטעניו! מאַך מיך נישט גליקליך מיט טויזענדער, ווילט נישט מיין הערץ בעציערען פֿון אויסענווייניג מיט בריליאַנטען און אינערווייניג פֿול מיט מכות און וואונדען. — (צעוויינט זיך אויף דעם פֿאָטער).

קיינמאָל נישט. יענטעל! געה אַריין זאָג ר׳ פייוולען, אַז אויס! דאָס גליק איז מיר נישט בעשערט, זיי זאָלען נישט קומען.

גליקעל: לייבעל הערסטו! (מיט כעס). דאָס וואָס מיר האָבען צווישען זיך נישט געהאַט 28 יאָהר זייט מיר האָבען חתונה, וועסטו עס היינט קריגען. (צעוויינט זיך). גאָטעניו! איך וועל מיך דערהרגנען! דאָס ערשטע אומגליק, וואָס דו האָסט מיט דיין גוטס־קייט געבראַכט אויף יענטאַל׳ן איז ווייניג! די גאַנצע וועלט האָט געשריגען, הערשעל איז אַ קראַנקער! לייבעל, מאַכט נישט אומ־גליקליך אייער קינד, — האָט ער אויך געענפערט מיט זיין גוטקייט, „דאָס קינד ליעבט איהם“, וויל ער איהר גליק נישט פערשטערען. היינט זיצט זי דורך דיר אַן אלמנה ביי 27 יאָהר, מיט אַ יתומ׳ל. לייקע וויל טוביה׳ן! זאָל זיין טוביה אין נעמען אַוואַ גליק און אַליין עס צערברעכען מיט אייגענע הענד. איך וועל מאַכען אַ געוואַלד, אַז די גאַנצע גאַס וועט זיך צוזאַמענלויפען. טאַטע, וואו ביסטו? קום אַריין און הער מיין אומגליק (אויפטריט טוביה, אַביסעל לעבעדיג בגילופין אָבער נישט שכור).

טוביה: אַ גוטען אָוועננד. האָב איך נאָך געטראָפען הייסע וועטשערע?

יענטעל: פאַר וואָס נישט!

לייבעל: עפעס ביזטו היינט זעהר פריה אַהיים געקומען טוביה.

טוביה: איך האָב נישט איין גרייצער כאָטשע וועך צו־שפרינגען. מייסטער! מיטוואָך ווער איך אַ גביר, איך האָב געשטעלט 25 גרייצער אין דער לאָטעריע און ווען דער גוטער רבונו של עולם זאָל וועלען גוט צוזאַמען רעכנען, אַז 25 און 18 איז 42, מאַכט טוביה אַ טערנע אויף 3.000 קראָנען.

יענטעל: וואו האָט איהר גענומען די נומערן?

טוביה: עס האָט זיך מיר די נאַכט געחלומ'ט, אַז איך בין געשטאַנען מיט לײקען אונטער דער חופּה. האָב איך גענומען לײקעס יאָהרען 18 און מײַנע 25 און צוזאַמען גערעכענט 25 און 18 איז 42 און געשטעלט אַ צעטעל אַמבע סעקע.

לײבעל: 25 און 18 איז דאָך 43.

טוביה: (רעכענט) אמת! איך זאָל אַזוי לעבען! נאָך דער טערנע.

יענטעל: דאַכט זיך מיר טוביה, איהר זענט געקומען אַביסעל שמחת תורה'דיג.

טוביה: זאָל איך אַ מכה האָבען ווי ווען איך האָב געטרונקען מעהר ווי איין טרינק בראָנפּען, הינטען בײַ רענער'ן. מײַסטער! וויפּיעל וועט איהר אײַך בײַ מיר באָרגען? איך וועל אײַך לײַען 1000 קראָנען יענטלען אויף נדן, דער מײַסטערקע אויף אַ גוטער וואָלינער שאַל. דעם ייִדען וועל איך נעמען אויף אַ ייִדענער בעקעשע, יענטעל'ס סינאָק וועל איך קויפען אַ מאַנטעל, מײַן לײקעלען, אַ גרויסע גאָלדענע קײט מיט אַ שעהן ייִנגערל. און מיר אַלײן — מיר אַלײן, ציפּט גוט בײַם האַרץ. אָוו! בין איך הונגעריג. מײַסטערקע וואָס איז דאָ וועטשערע? (ער דערקענט לײקען פּערווײנט). לײקעלע! עפּעס ביזטו פּערווײנט, וואָס איז דאָ געוועזען? מײַסטער! איהר האָט געלאָזט לײקעלען ווײנען? (גלעט זי) הערסט, זאָלסט מיר מעהר נישט ווײנען! אויף דײַנע צוויי קײלעכדיגע בעקאַלעך טרעהרען, האָט אַזאַ פּנים ווי אַ גאָלדען ייִנגעריל אויף אַן אײַזערנעם קײטעלע — אַה! עפּעס נײַעס! די שטוב אויסגעקעהרט, די מײַסטערקע, און דער שבּת'דיגער פּאַטשײלע, דער מײַסטער אַזוי פריה פײַעראָבענד, זאָגט איהר זאָלט אַזוי לעבען עפּעס נײַעס!

גליקעל: מיר וועלען הײַנט שרײַבען תנאים מיט אונזער לײקען און טאַקע מיט דעם אַמעריקאַנער גביר.

טוביה: מײַסטער! האָט איהר נישט ערשט יענע וואָך מיט מיר גערעד, אַז איבער אַכט=טאָג שבת איז לאה'קעס געבורטסטאָג, וועלען מיר מאַכען די תנאים מיט'ן געבורטסטאָג צוזאַמען?

לייבעל: פֿערשטעהסטו טוביה! אמת איך האָב עס דיר טאַקע געזאָגט און מיר האָבען קיין אַנדערן געדאַנק געהאַט, נור אַזוי ווי עס האָט זיך אָבער געמאַכט, עס טרעפֿט זיך...

גליקעל: (הערענדיג געהן אונטער דער טהיר) שטילער זיי געהן! — (מיט פֿערלעגענהייט). אַ וויזיטאָג איז מיר! זיי זענען שוין ביי דער טהיר. (לייקע אַב אין אַלקער. — טוביה זעצט זיך ביים וואַרסטאַט).

אויפֿטריט פייוועל מיט מיסטער קאָהן.

פייוועל: אַ גוטען אָווענד ר' לייבעל און אייך אַלע, דאָס איז העררמיסטער קאָהן אויס אַמעריקאַ. — און דאָס זענען מיינע שכנים ר' לייבעל רעדליך מיט זיין בני בית. (לייבעל גיט איהם שלום. — גליקעל טראָגט שנעל צו בענקלעך זיי זעצען זיך).

קאָהן: אייער מלאכה איז אַ זייגער מאַכער?

פייוועל: פֿערשטעהסט! ר' לייבעל איז נישט אַזאַ זייגער־מאַכער ווי אַנדערע. ער איז...

לייבעל: ער פֿעררכט זייגערלעך און איז אַ קבצן גלייך ווי אַלע זייגער מאַכער'ס.

טוביה: (שטעהט אויף געהט צו און גיט שלום). שלום עליכם!

קאָהן: (רייכט איהם די האַנד). ווער איז דער מיסטער?

גליקעל: עט! ס'איז אונזער אַ געזעלען. (טוביה צוריק צום טישעל).

קאָהן: אַך דאָס אָרעמע גאַליציען, האָרעוועט נעבעך אַ איד אַזוי שווער און וואָס האָט ער דערפֿון? דלות, עלענד, אַ שטוב ווי אַ קבר. — אַ בעל מלאכה בעגעהט אַ גרויס פֿערברעכען, וואָס ער וויסט אָב זיינע יאָהרען אין דעם עלענדען גאַליציען.

לייבעל: וואָס איז אייער מסחר אין אַמעריקאַ?

פייוועל: איין אייער סוחר. — העררמיסטער קאָהן עקס־פּאָרטירט אימפּאָרטירט אייער על ארבע פּינות עולם (אויפֿטריט אליהו און מחלה פֿון קיך).

אליהו: (אָהן דער בעקעשע. — ניט שלום). שלום עליכם!

קאָהן: האו דו יור דו? אה, עקסקיוז מי. — עליכם שלום.

אליהו: דאַטיך אָל רײַט, איי עם ספּיק ענגליש.

גליקעל: דאָס איז מײַן טאַטע ער איז שוין געווען 8 יאָהר אין אַמעריקאַ.

קאָהן: אַה האָב איך דאָך אַ לאַנדסמאַן.

אליהו: איי עם ליוו אין 22 סאַפּאָלק סטריט אָוו די טאָפּ־פלאָר קער אָוו מיסעס גאָלדסטוין. — דאַטס איז מײַן ווײַף מיסעס פולווער.

קאָהן: נאָך זעהר אַ יונגע פרוי, איך האָב געמיינט אַז ס'איז אײַער טאָכטער.

אליהו: שיס מײַן טויטע ווײַף.

מחלה: נישט קיין טויטע נור אַ לעבעדיגע.

קאָהן: איך פערשטעה זי איז אײַער דריטע פרוי, אַ יונגע פרוי.

מחלה: נאָך אײדער איך האָב חתונה געהאַט, האָב איך געוואוסט אַז מײַן מאַן פאַסט מיר צו זײַן מײַן טאַטע, נור מענשען האָבען געזאָגט אַז ס'איז אַ זיווג....

אליהו: האָט זי געשיקט נאָך'ן רב מיט'ן שמש און די 4 דראַגנען און געשטעלט אַ חופה. וואָס דאַרף עס מיסטער קאָהן וויסען?

יענטעל: זײַדע, געה טהו דיר אָן אַ בעקעשע עס פאַסט נישט.

אליהו: דאָך אָלע רײַט, אין אַמעריקאַ געהט מען אָן די רעקלעך און אָהן די וועסטלעך אויך (צו קאָהן). נור דאָ בײַ אונז אין גאַליציען איז דאָ נאָך אַ מאָדע, מען געהט אפילו אויך אָהן שיך.

קאָהן: וואו איז אײַער יונגערע טאָכטער? איך האָב זי הײַנט געזעהען אין גאָרטען, זעהר אַ לעבעדיגע לוסטיגע זי פאַסט פאַר אַמעריקאַ.

פֿייוועל: זי איז שוין גאָר אַ וואויל קאָזאַטשיקעל, זי איז אין אַלקער, פּעשטשעט זיך פֿאַר'ן שפּיגעל און מאַכט כלה'ס חנ'דלעך. נו! (אין אַלקער אַריין) דו, די כלה מויד שעהם דיך נישט, קום אַריין. (אויפֿטריט **לאה'קע**).

לייקע: ר' פֿייוועל! איך האָב מיך נישט פֿאַר וואָס צו שעהמען, ווייל איך בין קיין איינציג פֿערברעכען נישט בעגאַנגען.

פֿייוועל: הער אויס לייקע! לאָמיר רעדען ערנסט. — דער הערר קאָהן איז מיט מיר פֿון איין שטאָדט, פֿון זעהר אַ יחוס'דיגער משפּחה און אַ גרויסער גביר אדיר, ער איז דאָ אַצינד אין לעמבערג געשעפֿטליך און אַזוי ווי ער איז מיין גאַסט, האָט ער דיך עטליכע מאָל געזעהען, און בּיזט איהם שטאַרק געפֿעלען, דו ווערסט מיט גאָט'ס הילף זיין זעהר, זעהר גליקליך, מיר האָבען שוין אַלסדינג אָבגערעדט און מיר ווילען היינט ביי נאַכט שרייבען תנאים.

קאָהן: (נעמט אַרויס אַ טאַסטער פֿול מיט נאָטען). איהר האָט שוין אַמאָל געזעהען אַמעריקאַניש געלד? דאָס איז טויזענד דאָלאַר. (אַלע קוקען עס אָן מיט בעגייסטערונג, לייקע — טוביה נישט).

אליהו: דאָס איז אויף אונזער געלד 5 טויזענד קראָנען. (לאָזט זיך געהן צו דער טהיר).

קאָהן: וואו געהט איהר מיט דעם?

אליהו: איך וויל עס געהן ווייזען די שכנים.

קאָהן: גיט עס אַהער, איהר וועט שפּעטער געהן.

גליקעל: (שטיל צו לייקען). זעה נור די רינגען מיט די בריליאַנטען, מען דאַרף גאָר נישט נור דו זאָלסט געבען אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ.

לייקע: הייסט עס אַז איהר האָט שוין אַלעס אָבגע=שמועסט.

גליקעל: יאָ! לייקע לעבען! אַלעס אָבגערעד. (שטיל) ער וויל דיר אַצינד געבען אַ מתנה'ן אַ פּאָר אויריננ פּאַר צוויי טויזענד קראָנען.

לייקע: איהר האָט דאָך שוין יענע וואָך מיט טוביה'ן אויך אַלסדינג אָבגערעד, צו וואָס־זשע טויג צוויי מאָל אָבצו־רעדען.

טוביה: (פּונים טישעל, ביי וועלכען ער זיצט די גאַנצע צייט מיט כעס). אָט דאָס האָב איך דאָך ערשט געזאָגט צום טאַטען.

ליבעל: קום אַהער לייקע לעבען, איך וועל עס דיר נאָך איינמאָל ערקלערען, פערשטעהסטו? אַזוי ווי...

לייקע: איך פערשטעה גאַנץ גוט.

פייוועל: גלויב מיר, ער איז דאָ היינט צוויי וואָכען, לויפט מען איהם נאָך מיט שידוכים — עט נאַרישקייטען, גליקעל! גיט אַהער אַ פלאַש וועל איך אַרויסכאַפּען בראָנפען.

קאָהן: וואָס טויג בראָנפען! ברענגט עטליכע פלעשער גוטען ויין און גוטע טורטען. (גיט איהם צעהן גולדען).

פייוועל: (לאָזט זיך געהען) ח ח ח. (אַ חנ'דעל צו לייקען). איז דאָס אַ קאָזאַטשיקעל!

לייקע: זייט־זשע מוחל ר' פייוועל! נאָך איין מינוט און נאָך דעם וועט איהר געהן, איהר געהט שוין נאָך ויין און טורטען?

פייוועל: וואָס דען? ווי ביי גבירים, ווייסט איהר וואָס מיר איז איינגעפאַלען איך זעה אין דער פלאַש איז דאָ בראָנפען, וועלען מיר דערוויי־ל טרינקען לחיים! און זיך ווינשען מזל טוב. גליקעל! גיט אַהער גלעזלעך — (זי דערלאַנגט שנעל פון ביורא).

לייקע: (פויזע. — פייוועל גיעסט אָן). ר' פייוועל! אַיאָ איהר האָט מיר ערשט געזאָגט אַז הערר קאָהן איז פון אַ יוחס'דיגער משפחה! און איך בין דאָך אַ בעל מלאכה'ס אַ טאָכטער, דאַכט זיך איז שוין נישט קיין גלייכער שידוך. איך — זאָגט ר' פייוועל — בין דעם העררן קאָהן שטאַרק געפעלען, כאַפּט מען שוין זאָל

זיין א האלבע פלאש בראנפען און מען געהט טרינקען „לחיים“, זיך צו ווינשען מזל טוב. אפשר איז דער מיסטער קאהן מיר גאר נישט געפעלען? וועמען ארט דאס! לייבעל ווייגערמאכערס, קבצנ'ס טאכטער איהר דארף נישט צו געפעלען. ר' פייוועל זאגט מיר צו צו זיין זעהר, זעהר גליקליך ביי דעם הערין קאהן. — ר' פייוועל! וואלט איהר מיר נישט געקענט זאגען און געבען צו פערשטעהען, וואס ביי אייך קען הייסען גליקליך? (צו קאהן). מיסטער קאהן! איהר ווילט שוין מאכען מיט מיינע טאטע מאמע א ווארט? חלילה! איהר זאלט עס נישט טהון! זיי האבען קיין ווארט נישט, יענע וואך האבען זיי ערשט געמאכט א ווארט מיט דעם קבצן. (צייגט אויף טוביה). היינט זענט איהר געקומען מיט 50 טויזענד דאלער, ברעכט מען דאס ווארט מיט איהם, איבער 8 טאג וועט קומען איינער מיט מעהר געלד, וועט מען ברעכען דאס ווארט מיט אייך, אזאלכע ווערטער האבען נישט קיין ווערטה. — טאטעניו! איך וועל דיר ערקלעהרען וואס גליקליך זיין הייסט! ביי אזא קליין טישעלע וועט טוביה זיצען ארבייטען פלייסיג און עהרליך און איך נעבען איהם און עסען דערביי א פוסנע שטיקעל ברויט. (שטארק היסטערישעס לאכען — ח ח ח — כאפט ארום טוביה'ן). דאמאלס טאטעניו: וועל איך מיך פיהלען גליקליך, איבער גליקליך. (פון דעם שטארקען לאכען פאלט זי אריין אין א שרעקליך געוויין).

לייבעל: (לויפט שנעל צו) לייקעניו! גליקעל! וואס איז דעם קינד?

פייוועל: לחיים! און א מזל'דיגער שעה.

לייבעל: (קוקט איהם נישט אן ערשרעקענד) גליקעל! וואס איז דעם קינד? (נעמט ארום לייקעס קאפ). לייקעניו! ווייגען וויל דיך דיין טאטע נישט זעהן. (נעמט זי הייסער ארום. צו זיי מיט כעס) ערגערט מיר נישט מיין קינד, געהט!!! איך וויל נישט קיין גליק, געהט!!!

(פארהאנג).

אנמערקונג: דורך א טעות זענען עטליכע מאל אריין אנשטאט לאה'קע — לייקע.

צווייטער אַקט.

שטעלט פֿאָר דאָס זעלבע צימער. — אָבער מיט שעהנער מעבעל. — דער וואַרסטאַט איז נאָך דאָ. — דער אַלטער וואוינט שוין נישט בעזאַמען, נור אין שכנות די צווייטע טהיר אין זעלבען הויז. — ווען דער פֿאָרהאַנג געהט אויף שטעהט י ע נ ט ע ל אין פּאַקט איין קליידער אין אַ גרויסען רייזעקאָרב, אין אַ גאַנץ קורצער ווײַלע קומט אַריין ג ל י ק ע ל זעהר אין איילעניש.

ג ל י ק ע ל: אוי אַ וויטיג איז מיר, נאָך נישט אַוועקגענומען דעם קויש צו דער באַהן? עס ווערד דאָך שפּעט!

י ע נ ט ע ל: גענוג צייט, דער צוג געהט ערשט אָב 10 אַ זייגער און דעם קאָרב נעם איך מיט מיר.

ג ל י ק ע ל: ביים פֿעטער חיים ביזטו דיך שוין געוועזען געזעגנען? — (יענטעל שאָקעלט מיט'ן קאָפּף „ניין" און פּאַקט ווײַטער). זעהסטו! אַצינד וועט ער דאָך שוין טאַקע האָבען רעכט אַז ער וועט זאָגען, אַז מיר זענען בעגליקט געוואָרען, שעהמען מיר זיך מיט איהם, טהו דיך אָן וועלען מיר צו איהם צוגעהן. (אויפֿטריט מ ח ל ה).

מ ח ל ה: ערשט אַצינד פּאַקסטו דעם קויש?

ג ל י ק ע ל: ס'איז דאָ צייט, זי נעמט די זאַכען מיט זיך. —

מוהמע, [illegible] ר זאָלט זעהן איינגוקיפּט קיין עין הרע פון אַלעם גוטען.

מחלה: וואָס הערט זיך מיט לייבלען? לאָזט ער זי שוין פאָהרען?

גליקעל: ווי לאָזט ער! אָט האָט מען איהם נייטיג אַוועקגערופען אויף אַ'ן אָרט, האָט מען זיך ערשט גענומען איינפּאַקען דעם קויש!

יענטעל: ווער קוקט אויף זיינע נאַרישקייטען, פונקט ווי ער האָט נישט געוואָלט דעם שידוך מיט קאָהנ'ען, אַז לייקע איז שוין בעשטאַנען און אַלעם איז שוין געווען גאַנץ גוט! האָט ער נאָך געשריגען, ער האָט האַרצקלאַפּעניש, מוהמע! איך וועל פאָהרען מיט'ן טאַטענס האַרצקלאַפּעניש.

מחלה: דו ווייסט יענטעל, דער זיידע האָט עפּעס אויך אָנגעהויבען שטאַרק נאָכצוקלערען און איז זיך געגאַנגען בעראָטען מיט'ן רב דאַריבער.

יענטעל: פאַר וואָס נישט צו דער רביצין? מוהמע געדענקט איהר, פאַר דער רביצינס ... ענגע האָט איהר נישט פערשטאַנען, װארין הייבט אָהן אייך אָנצוטהון, מען זאָל נישט דאַרפען אויף אייך וואַרטען מיט'ן פאָהרען בעגלייטען.

גליקעל: איהר מיינט איך האָב איהם פאַראיבעל לייבלען? ער בענקט שטאַרק נאָך לייקען. זייט זי איז אַוועקגעפאָהרען, אומגאַנצען צוויי חדשים, איז ער זעהר פערעלטערט געוואָרען. — נור אַ מענש קען און מוז איבערדולדען אַביסעל, איך מיינט איהר בענק ווייניג, נור וויפיעל איז דען צו פּסח? דריי חדשים.

יענטעל: מאַמע! וואָס זאָל דאָס זיין וואָס מיסטער סמיטה איז נאָך נישטאָ? שוין באַלד זיעבען אַ זייגער.

גליקעל: אַרום 6 אַ זייגער האָב איך איהם געזעהן אַוועקגעהן מיט ר' פייוולען, ר' פייוועל האָט מיר געזאָגט אַז זייגער 7 וועלען זיי זיין צוריק.

מחלה: איך שטעל מיר פאָר די פריידע, וואָס לייקע וועט פעראַרבייטען אַז זי וועט דיך דערזעהן אָנקומען.

יענטעל: זאלסט הערען מאמע, ווי אזוי מיסטער סמיטה דערצעהלט, דעם תענוג וואס מען פיהלט ווען מען געהט עמיצען ערווארטען ביים שיף, איך וואלט שוין געוואלט דערלעבען די מינוט צו זעהען, ווי דער טאטע וועט זיך דערזעהען מיט לייקען.

מחלה: מיין מאן דערצעהלט, אז ווען א שיף קומט אן, אדער געהט אוועק פון אמעריקא, שטעהן די אלע קרובים וואס קומען צו צום שיף: מיט פאהנען אין דער האנד און דרעהען מיט די פאהנען ארום און ארום. אזוי ווי ביי אונז מיט די העהנער, זה חליפתי זה כפרתי.

יענטעל: (פערשליעסט דעם קארב). אלזא איך בין שוין איינגאנצען געפאקט, נור ארום צו בינדען דעם קויש און א פיאקער צו דער באהן. (נעמט זיך אנטהון מאנטעל און הוט). קום מאמע װעלען מיר צוגעהן צום פעטער חיים!

גליקעל: מוהמע! אז איהר ווילט אזוי גוט זיין, דא צו זיין אין שטוב ביז מיר וועלען צוריק-קומען, מיר וועלען זיך גאר נישט זוימען, איך וויל נישט פערשליעסען די טהיר טאמער קומען זיי וועלכעס אן, מיר געהען נור צו מיט מיין ברודער זיך געזעגנען.

מחלה: פאר וואס נישט? (גליקעל נעמט די שאל געהן ביידע אב). איך געה נור צושליעסען מיין טהיר. (אב אויף א ווייליע קומט גלייך צוריק).

(אויפטריט פייוועל און סמיטה, מחלה קומט צוריק).

פייוועל: א גוטען אווענד! קיינער נישטא, נור איהר?

מחלה: גליקעל און יענטעל זענען געגאנגען געזעגנען מיט מיין מאן'ס זוהן.

סמיטה: וואו איז ערגיץ אייער אלטיטשקער? א לוסטיגער מענש!

מחלה: וואו קענט איהר איהם אצינד פאר לוסטיג, ער איז אצינד מיט עגמת נפש, וואס ס'איז פון לייקען אליין נישטא קיין בריעף! אבער ווען ער איז אהן דאגות, איז ער שוין גאר א מזיק.

פּיִוועל: מר. סמיטה, קומט אַרויף צו מיר ביז זיי וועלען קומען.

מחלה: זיי קומען תיכף אַריין.

סמיטה: עס פּאַסט איך צו זיין איער מאַן'ס אַ טאָכטער. (ער דערטשעפּעט מיט איהר). און איהר האָט איך געפּאַסט צו אַן אַלטיטשקען מאַן?

מחלה: פאַר דער חתונה האָט עס מיר אַ יעדער אַזוי געזאָגט נור מענשען און שכנים האָבען מיר געזאָגט, אַז עס איז מיין זיוויג. האָב איך איהם געזאָגט, שיק נאָך דעם רב און שמש און די 4 דראָנגען און שטעלט אַ חופה.

פּיִוועל: וואו האַלט עס מיט לייבלען לאָזט ער יענטעלען שוין פאָהרען?

מחלה: וואו לאָזט ער? אַ גאַנצען טאָג איז ער געזעסען און געדיט, נור פאַר נאַכט האָט מען איהם נייטיג אַוועקגערופען, האָט זיך יענטעל שנעל צוזאַמענגעפּאַקט, זי האָט טאַקע געוואַרט אויף מיין מאַן ער זאָל איהר אַרומבינדען דעם קויש.

פּיִוועל: וואו זענען דאָ שטריק, וועלען מיר איהם אַרומבינדען איינס, צוויי.

מחלה: איין מינוט, ברענג איך אַריין. (געהט אַב צו זיך).

פּיִוועל: ווי רעכענסטו? וועלען מיר דאָ האָבען עפּעס שוועריגקייטען מיט דעם טאַטען? איך האָב מורא ער וועט זי נישט לאָזען אַרויס פון דער שטוב.

סמיטה: זאָל ער זי יאָ לאָזען, נישט לאָזען, זי וועט שוין פאָהרען, לאָז דיר גאָר נישט קלאַפּען דאָס האַרץ, איך וויז דיר אַ קונץ, ווען איך וויל רגל'ט די מוהמע מחלה אויך מיט.

פּיִוועל: דו קענסט דאָך מיך? איך האָב תמיד ליעב אַז די זאַך געהט גלאַטיג. (אויפטריט צוריק מחלה מיט צוויי גרויסע שטריק).

מחלה: איהר וועט דאָך געווים נישט אַוועקגעהן ביז זיי וועלען קומען. איך וויל נור אַריינגעהן צו מיר אויף אַ פּאַר מינוט,

איך האָב אויפגעשטעלט איין אײַנברעכן, האָב איך מורא ער זאָל נישט אָנכאַפּען. (זי לויפט אַב צוריק צו זיך).

פּייוועל: (זיי נעמען זיך ביידע אַרומבינדען דעם קויש). וואָס זאָל דאָס זיין סמיטה? וואָס גאָלדשטיין האָט נאָך נישט טעלע־גראַפירט, אַז ער איז מיט דער נייסאַנדזער שוין אויפגעשטיגען אויף דעם שיף?

סמיטה: פּייוועל ברודער! דו זיצסט אין פּרעגעלסט וואַרעניקעס און שטוב פיהלסטו נישט דעם פראָסט אין דרויסען. ווען איז דען גאָלדשטיין אַוועק מיט דער נייסאַנדזער?

פּייוועל: נאָך דאָנערשטאָג!

סמיטה: דאָנערשטאָג! היינט איז דיענסטאָג, טאַקע שוין דער זעקסטער טאָג, שוין געווען בעדאַרפט צו זיין אַ טעלעגראַם, געוועער־מיינד! עקספּעדירטע סחורה, ליגען מיר שוין ווייניג אויף דעם קאָפּ, סעי פּייוועל! דער פויגעל אויף דער בלעכענ־גאַס, מוז אַריין אין שטייג, וואָס דענקסטו?

פּייוועל: אויף דעם מוז דויערען וויינינסטענס דריי חדשים, איך וועל מיך נאָך דעם חודש אַריבערציהען אין יענעם הויז און זעהען וואָס איך האָב צו טהון. (אַרום געבינדען). איך וואָלט שוין געוואָלט עלטער זיין מיט אַ 3 שעה, איך זאָל אייך שוין האָבען געזעהען אַוועקגעפאָהרען.

סמיטה: אַ שעהנער פּעקעל מאַכער וואָלסטו געווען, ווען מען שיקט דיך מיט איין טראַנספּאָרט, וואָלסטו פון דער באַהן ביז צו דער שיף, בעקומען 14 מאָל די אַפּאָפּלעקציע. (אויפטריט אליהו פון קיך).

אליהו: האַ דו יור דו! מיסטער סמיטה, און האַלוי! ר' פּייוועל אַ שעהנער שומר האָט אייך מיין טאָכטער איבערגעלאָזט, מיין גליקעל האָט אייגענס געבעטען מיין ווייב דאָ צו זיין, טאָמער קומט אידה אָן זאָל זי אייך דערווייל אַביסעל אונטערהאַלטען, ביז זי וועט קומען, צום סוף האָט זי אייך דאָ איבערגעלאָזט אַליין, און זי איז געלאָפען ראַטעווען דעם אײַנברעכן.

סמיטה: נעווער מיינד, ר׳ אליהו, איהר האָט שוין גאָר אַ פיינע אידענע, וואו האָט איהר עררגיץ דערטאַפּט אַזאַ וואויל ווייבעל?

אליהו: אין ראש השנה׳דיגען מחזור׳ל.

סמיטה: וואו?

אליהו: איך זאָג דאָך אייך, אין ראש השנה׳דיגען מחזור׳ל, דאָרטען שטעהן אויסגערעכענט נעהמען פון אַסך ווייבער, דבר, וחרב, ושבי, ומשחית, ועון ומגפה, ופגע רע, וכל מחלה, וכל תקלה, וכל מיני פרעניות — אַזוי האָב איך מיר די מחלה, פון דאָרט אַרויסגעכאַפּט און מיט איהר חתונה געהאַט.

סמיטה: אָט, דאָס אַלעס איז דאָך גאָר קרענקט.

אליהו: און וועלכע אידענע איז דען נישט אַ צרה און אַ קרענק?

סמיטה: ר׳ אליהו איהר וועט ענטשולדיגען מיר קומען באַלד צוריק, איך געה נור אַרויף צו ר׳ פייוולען מיך צוזאַמענ־פּאַקען.

אליהו: וואַרט נאָך אַ פּאָר מינוט זיי קומען שוין אַריין. — נור דאַכט זיך מיר, וועלען זיי האָבען אַ שוואַרצען סוף פון מיין זוהן. ער שרייט אויך אַז יענטעל זאָל נישט פאָהרען נור מיט אונז אַלע צוזאַמען.

סמיטה: גרינהאָרן׳ס! גרינהאָרן׳ס! זיי מיינען אַז אַמעריקאַ איז ערגיץ ביים נאָרדפּאָל — איהר ר׳ אליהו ווייסט דאָך אַז אַמע־ריקאַ און לעמבערג איז אַ שטוב מיט איין אַלקער און זיי ציטערן אַזוי.

אליהו: עפּעס טשאָכקעט מיך היינט אויך ביים האַרץ, איהר הערט מיסטער סמיטה?

(אויפטריט יענטעל זעהר אייַלענד).

יענטעל: שוין נאָך זיעבען אַ זייגער. (ערבליקט סמיטה׳ן). אַה! ווי געדוהט העהר סמיטה! — ר׳ פייוועל זייט אַזוי גוט, בעט

ארונטער אהער אייער ווייב ווייל מיין מאמע האט אנגעגרייט א שטיקעל אבשיעדס פּעסט.

פּ י י ו ו ע ל: מיין טשיפּי וואלט דיך געממית׳ט ווען דו נעמסט איהר היינט אוועק מר׳ סמיטה פון נאכטמאל.

י ע נ ט ע ל: אה! ווער האט מיר אזוי גוט ארומגעבונדען דעם קויש. — דאס מוז זיין דעם זיידענס מלאכה.

א ל י ה ו: ס׳איז נישט דעם זיידענס מלאכה, דעם זיידענס מלאכה איז גלאטיג אן קניפּען מיט שלייפען.

פּ י י ו ו ע ל: דאס האבען מ י ר, איך און מיסטער סמיטה עס צוגעבונדען.

י ע נ ט ע ל: א שעהנעם דאנק, צוויי טייערע משרתים — זיידעניו: וואס זיצטס דו אזוי פערטראכט, עפּעס אזוי ווי מיט א תשעה באב׳דיג פּנים. ווי האלט מען שוין ביי דער מינוט, ווי איך און לייקע און סעם מיט מיסטער סמיטה, וועלען אקעגען געהן אייך ערווארטען ביים שיף, מיר וועלען מאכען מיט די טיכלעך אזוי ווי דו דערצעהלסט, הורריי! הורריי!!!

א ל י ה ו: (ערמונטערט). העטעם, פּעטעם! נור זיי פייער וועלען מיך געהן ערווארטען. — איידער איך וועל ארויספאהרען פון דאנען וועל איך אוועקשרייבען א בריעף צו מיין סאסייעטי, „קאנגרעגיישאן און נו-יארק בית הכנסת אנשי יאריטשאוו, קיליקאוו, טאפּאראוו, ק. א. ב. א.“ אז זייער עקס פּרעזידענט אליהו פולווער קומט צוריק קיין אמעריקא, וועט די גאנצע סאסייעטי, פונ׳ם פּרעזידענט, ביז צו דער אינערער וואך, צוקומען צום שיף מיך צו בעגריסען מיט אמעריקאנער פלעגס אין די הענד.

י ע נ ט ע ל: (לאכענד) איך וואלט נור געוואלט שטעהן און קוקען ווי אזוי דער זיידע וועט זיך ארומכאפּען מיט זיין נו-יארק און זיך צוקושען מיט זיינע אלטע ברידער פון דער קאנגרעגע אויף יאריטשאוו, קיליקאוו, טאפּאראוו, בענעלע סעישאן. (לאכט).

א ל י ה ו: נעווער מיינד! לאך, לאך, יענטעל! איך וואלט אבער געוואלט זעהן וואס די וועסט דאמאלס זאגען, ווען דיין

זײדע וועט דיך מיטנעמען צו אַ מיטינג פֿון זײַן סאָסײעטי און דו וועסט געבען אַ קוק ווי דײַן זײדע זיצט אויף דעם טשער כמלך בגדר, מיט אַ רויטען לאַמפּאַס אַרומגעבונדען פּאַפּאַרעק! מיט 7 בעדושים און מעדעלס און וועט אַלע מאָל געבען אַ קלאַפּ מיט דעם האַמער, אַז הימעל און ערד וועלען ציטערן און געבען אַ געשריי מיט כעס, ברודער יאָכמאַנדריטשוק, סאַדאַן! זיצען! דאַמאָלס וועסטו ערשט קענען פֿיהלען וואָס פֿאַר אַ ווערטה דער איד האָט אין אַמעריקאַ און נאָך וואָס ס'איז דאָ צו בענקען.

פּ י ו ו ע ל: מיסטער סמיטה! עס ווערד שפּעט!

ס מ י ט ה: איהר וועט ענטשולדיגען מיר זענען באַלד דאָ צוריק. (ביידע אָב).

י ע נ ט ע ל: זײדע! ווי געפֿעלט דיר דער מיסטער סמיטה?

א ל י ה ו: אַ גאַנץ ליעבער מענש, אָבער וואו קומט ער צו אונזער קאָהן'ען! אַך! וואָלט איך איהם, דעם גנב, שוין געוואָלט זעהן, ער האָט זיך עפּעס אין די צוויי וואָכען צײַט, אײַנגעקויפֿט בײַ אַ יעדען ליעבשאַפֿט, מעהר ווי אײנער אַ מאָל אין דרײַ יאָהר.

(אויפֿטריט ג ל י ק ע ל זעהר ראַש און געאײַליג).

ג ל י ק ע ל: נאָך נישט געווען מיסטער סמיטה מיט ר' פּײַוועלען?

י ע נ ט ע ל: יאָ, זיי זענען אַרויף געגאַנגען צו ר' פּײַוועלען.

ג ל י ק ע ל: נעם גיך אַרײַן דעם קויש צום זײדען, דער טאַטע געהט. (ווילען שלעפּען דעם קויש — אויפֿטריט ל י י ב ע ל, זי דערזעהט איהם).

ג ל י ק ע ל: גוט וואָס דו ביזט דאָ לייבעל, מיר וואַרטען טאַקע אויף דיר, עס ווערד שפּעט.

ל י י ב ע ל: (זעהט דעם קויש). דער קויש איז שוין אײַנגעפּאַקט, אַרומגעבונדען, וואָס־זשע טאָכטער! דו פֿאָדערסט טאַקע? כאָטשע דער טאַטע האָט געזאָגט ניין!

י ע נ ט ע ל: (מיט געבעט) טאַטעניו! איך בעט דיך מאַך

מיך נישט אומגליקליך. (וויינט) טאַטעניו! דו האָסט דאָך דיין יענטעלע׳ן ליעב, איך בעט דיך פֿערשעהם מיך נישט פֿאַר מענשען. (אליהו איז אין דער צייט געבליעבען אַביסעל מרה שחורה׳דיג און וואָס מעהר לייבעל רעד שטייגט ביי איהם די טרויריגקייט).

לייבעל: עה! וואָלט דיך דיין טאַטע נישט ליעב געהאַט! אָה! טאַקע דערפֿאַר וויל דער טאַטע ליעבט דיך אַזוי הייס, וויל ער, אין וועט דיך נישט לאָזען פֿאָהרען — שוועך! איהר קענט דאָך אַמאָל בעווייזען אַ קונץ, ווי אַזוי אַזאַ קויש אויפֿצובונדען. — אָה! וואָס זענט איהר עפּעס געבליבען זיצען מיט אַזאַ כל נדרי פּנים! עפּעס האָט אָנגערוקט אויף אייער פּנים אַ געוואַלדיגע כמאַרע און עס ווייזט זיך אויס אַז אָט וועלען אייערע אויגען אויסגיעסען אַ שלאַגסרעגען.

אליהו: אמת! עס איז מיך בעפֿאַלען אַזאַ מרה שחורה, ס׳איז מיר עפּעס אַזוי שווער געוואָרען דאָס האַרץ, גלייך איך וואָלט מיך פֿאַר עפּעס דערשראָקען.

לייבעל: אייער האַרץ האָט אייך ערשט אַציינגה אָנגעהויבען שווער צו ווערען. מיר איז עס נאָך נישט גרינג געוואָרען... (צו גליקלען). גאָר נישט געוועזען מיט דער פֿאַרנאַכטיגער פּאָסט?

גליקעל: ניין!

לייבעל: אוי שוועך! ציטער איך פֿאַר דעם גליק וואָס האָט מיך געטראָפֿען, אַלע האָט איהר אייך משמח געוועזען אויף דער חתונה פֿון מיין לייקעלען, איך בין געשטאַנען און צוגעהאַלטען דעם דראָנג פֿון דער חופּה און עס האָט זיך מיר אויסגעוויעזען, אַז איך טראָג אַ מטה — לאה׳קע איז געשטאַנען בלאַס מיט צוויי גרויסע אויגען געטאַמעלט ווי אַ שיכור׳טע, אייך אַלע האָט עס אויסגעוויעזען אַז עס איז פּנים פֿאַסטען און מיר האָט אַזוי ווי געזשומעט אין מיינע אויערען, גלייך ווי די זאָגט צו מיר, „טאַטעניו! זאָג מיט מיר ודוי! איך גוסס. (לאָזט עטליכע טרעהרען — אליהו ווערד נאָך מעהר גערירהרט).

אליהו: לייבעל! דו ביזט גערעכט, יענטעל פֿאָהרט מיט

אונז אַלע בעזאַמען, עס וועט נישט שאַטן שפּעטער צוויי חדשים. (ער גיט ראַש אויפֿבונדן דעם קויש). לייבעל! קום אַהער העלף מיר איבערדרייען. (גיט אַ נעם דעם קויש).

גליקעל: (מיט אַביסעל כעס). מאַטע! טרעט אָפּ מאַך נישט קיין בושה פֿאַר'ן הויז, עס וועט ווערן אַ שקאַנדאַל.

אליהו: הער זשע אויס טאָכטער מײַנע, איך וועל דיר איצט זאָגן וואָס איך בין פֿאַר נאַכט געווען, איך בין געווען בײַם רב און איהם געפֿרעגט אַן עצה, אויב יענטעל זאָל פֿאָהרען צו זיין; איך האָב איהם דערציילט דאָס בענקעניש נאָך לייקען און דאָס וואָס ס'איז פֿון איהר נאָך קיין בריעף נישט געווען, זייט זי איז אַוועקגעפֿאָהרען! איך האָב איהם אויך געזאָגט לייבעל'ס טרויען און ווײַנען נאָך איהר און וויפֿיעל ימים טרעהרען ער האָט שוין אויסגעגאָסען זייט זי איז אַוועקגעפֿאָהרען! האָט מיר דער רב געזאָגט זהיר וזהיר, נישט צו לאָזען יענטעלען פֿאָהרען, סיידען מיט אונז אַלע צוזאַמען, אם ירצה השם פֿאַר פּסח.

יענטעל: אָט, טאַקע דערפֿאַר האָט דער רב מיר נישט געהייסען פֿאָהרען, ווײַל דו האָסט איהם דערציילט אַז פֿון לאה'קען איז נאָך קיין בריעף נישט געווען! און אַז דער טאַטע וויינט און גיעסט אויס ימים טרעהרען. ווען דו קומסט אָבער צום רב און ווייזט איהם דעם זייגער מיט דער קייט וואָס לאה'קע האָט געשיקט דעם טאַטען מיט איהר שוואָגער! און דער מאַמעס רינג! און די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון לאה'קען, ווי שעהן און גוט זי זעהט אויס און ווי אַזוי מיסטער סמיטה איהר שוואָגער, קען זיך גאָר איהר בריה'שאַפֿט נישט אויסלויבען, וואָלט דיר דער רב געווען געזאָגט, אַז מיר זענען אַלע גרויסע בעל מזלים. וואָס טויג מיר די נאַרישקייטען! מאַמע! שיק עמיצען בעשטעלען אַ פֿיאַקער צו דער באַהן.

לייבעל: און ווען אפֿילו דער רב און דער דין און דאָס גאַנצע בית דין, זאָלען מיר זאָגען, ר' לייבעל איהר מעגט שיקען אײַער טאָכטער אָהן שום פּחד וועט זי נישט פֿאָהרען. ווײַל קיינער

קען מיר נישט קלאָר מאַכען דאָס רעטעניש, פאַר וואָס האָט לאה'קע זאָל לעבען, נישט געשיקט, מיט איהר שוואָגער שיפסקאַרטען פאַר אונז אַלע, נור זי דאַרף יענטלען און ווען שוין זי האָט נישט געשיקט! וואָס גערט אַזוי אין לעבען איהר שוואָגער אַז יענטעל זאָל נור אַציגה מיט איהם פאָהרען? די שיפסקאַרטע קען נישט עובר ווערען ביז פאַר פסח? מיין ווייב האָט מורא פאַר אַ בושה אין פנים ווי זאָגט די וועלט — בעסער אַ בושה אין פנים איידער אַ מכה אין האַרץ.
(גערט אַליין אויפבונדען דעם קויש). מיר וועט קיינער נישט דאַרפען העלפען איבערדרעהען דעם קויש.

גליקעל: (אַ זעץ אַנידער אויף'ן קויש). אויף מיין וואָרט, איך שטעה און ווער שיער צערטראַסקעט! נישט קיין קליינע בושה וואָלט ער אונז דאָ אָנגעאַרבייט, מיר וועלען דאָך ווערען צו שאַנד און שפאָט ביי יעדען אין מויל.

לייבעל: געה אַרונטער פון דעם קויש. (גיט מיט איהר אַ וואָרף אַראָב פון דעם קויש).

יענטעל: (אַביסעל אויפגערעגט). טאַטע! אַ בער וועל איך אויס מיר נישט לאָזען מאַכען. איך פאָהר!

לייבעל: ניין! די פאָהרסט נישט. — דער טאַטע וועט דיך פון דער שטוב נישט אַרויסלאָזען.

יענטעל: (עררעגטער). איך מיין אַז איך בין שוין לאַנג אין מיין אייגענעם רשות, צו קענען טהון דאָס וואָס איך פאַרשטעה און וואָס איך וויל.

לייבעל: (מיט כעס). ווען! ווען! ביזטו אַרויס פונ'ם טאַטענ'ס רשות? איהר זענט קיינס נישט אַרויס פון מיין רשות! אַזוי לאַנג איך לעב און האָרעווע אַזוי שווער און ביטער, און גיעב אייך עסען און טרינקען און זאָרג עס זאָל אייך גאָר נישט פעהלען, אַזוי לאַנג זענט איהר אַלע אין מיין רשות! און אויספאָלגען מיין בעפעהל, ווען נישט מיט ליעבשאַפט, זאָל זיין מיט פחד און איך זאָג און בעפעהל אַז די וועסט נישט פאָהרען און ווער עס וועט דאָס וואַגען אָנצורירען, וועל איך פלעטען דעם קאָפ.

א ל י ה ו: (בערוהיגט). עה! וועגען וואָס מען קריגט זיך דאָ, וועגען צוויי חדשים. — איך זאָג אויך עס איז גלייך יענטעל זאָל פֿאָהרען מיט אלע 4, מיט'ן טאַטען און דער מאַמען — מיט דעם ווייטען מיט מיין זוגתו תחיה.

ג ל י ק ע ל: טאַטע! הער דיך מיר אויף אצינד צו וויצלען, נישט תמיד גילטען דיינע שניידערישע חכמות.

א ל י ה ו: עה! זייט מיין טאָכטער איז בעגליקט געוואָרען, געפֿעלען איהר שוין נישט דעם טאַטענס שניידערישע חכמות. — אַ מיוחסת געוואָרען און שעהמט זיך שוין מיט'ן טאַטען דעם שניידער. — אַ מיוחסת געוואָרען! (אַב צו זיך. — אויפֿטריט ט ו ב י ה).

ל י ב ע ל: (שרייט איהם נאָך). שווער! שווער! (צו איהר). זעהר בכבוד! בעליידיגט דעם אַלטען טאַטען, האָסט שוין פֿער־טריבען דעם טאַטען אויף ווער ווייסט ווי לאַנג, דו ביזט נישט זיין טאָכטער, דו ביזט אַ... אַ... אַן ארורה. (מיט כעס און אַ זייט).

ט ו ב י ה: אַ גוטען אָוועַנד! דער מייסטער אַזוי אין כעס.

ל י ב ע ל: אַ גוט יאָהר! ווער איז אין כעס? איך קען גאָר נישט בייז זיין.

ט ו ב י ה: דאָס איז געוועזען אַמאָל אָפֿער אין דער לעצטער צייט ווען מען קומט צו אייך, אָדער ווען מען געהט פֿאַרביי אייערע פֿענסטער, הערט מען נור קולות און געוואַלדעס. אָט אַ פּנים, גיד'שאַפֿט קומט מיט שטורם. וואָס הערט מען? היינט אויך גאָר נישט געוועזען פֿון לאָה'קען?

ג ל י ק ע ל: נישט געוועזען היינט וועט זיין מאָרגען. אָט האָסטו איהם. ער קומט מיר אויך יעדען טאָג ווארפֿען זאַלץ אויף מיינע וואונדען.

ט ו ב י ה: אויף אייערע וואונדען זאַלץ? וואָס פֿאַר אַ וואונ־דען האָט איהר? צו אייך קומט מען דאָך גאָר צוהעלפֿען אייך שעפּען תענוג פֿון אייער נחת.

ג ל י ק ע ל: איך האָב דאָך דיך שוין געבעטען איינמאָל און

בעט דיך הײַנט ווידער, הער אויף צו זײַן מײַן גאַסט. קינד גע־שטאָרבן אויס קוואַטערשאַפֿט — און אַלס געוועזענער געוועלען, איז גענוג וואָלסט זײַן מײַן גאַסט אויף פּסח צו כרעמזלעך.

ליבעל: וואָס טויג זי דיר, זי וועט דיך באַליידיגן, זי האָט ערשט באַליידיגט דעם שווער, דעם גוטן אַלטיטשקן. דו קומסט צו מיר.

טוביה: מײַסטערקע! אַזוי לאַנג מײַן גוטער מײַסטער טרײַבט מיך נישט אַרויס און פֿאַרביעט מיר נישט צו קומען, וואָלט איך מיך נישט געקענט פֿאַרטרײַבן מיט צוואַנציק שטעקענס פֿון דעם אָרט — וואָס עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז דאָס וועט זײַן מײַן גליק, מײַן צוקונפֿטיקע וועלט, מײַן אײביקער אָנגעגרייטער גן עדן. איהר קענט מיך באַין אופֿן נישט אַרויסיאָגן פֿון דעם הויז וואָס יעדעס ווינקעלע דאָ איז בײַ מיר חשובֿער פֿון די שענסטע פּאַלאַצן, ווײַל פֿון יעדן ווינקעלע דאָ, ווען איך קום אַרײַן אַהער, דאַכט זיך מיר, אַז פֿון דאָרטן קומט אַפֿיהר לאה׳קע.

ליבעל: אַזוי, זאָל איך אַזוי לעבן, פּונקט ווי בײַ מיר, אַט דאַכט זיך מיר קומט אַרויס לאה׳קעס פּנים אַלקער, אַז איך הער עפּענען בײַ אַ שכן די טיר, הער איך מיך צו צום קול פֿון מײַן, אַז לאה׳קע זאָגט דאָרט אַ גוטע נאַכט און קומט אַרײַן אין שטוב. — כמעט יעדע נאַכט גיי איך צו צום בעט, וואו לאה׳קע פֿלעגט שלאָפֿן מיט יענטלען, הערסט טוביה ברודער! דאָרטן זע איך אַז זי פֿעהלט מיר, אַז מען האָט בײַ מיר אַ העלפֿט פֿון מײַן נחת אַוועק־גענומען.

טוביה: בײַ אײַך האָט מען אַוועקגעריבן אַ העלפֿט פֿון אײַער נחת און בײַ מיר מײַן גאַנץ לעבן.

ליבעל: הערסט טוביה! ערשט די נאַכט בין איך אַזוי געשטאַנען בײַם בעט פֿון דער, וואָס זי איז שוין אַרויס פֿון מײַן רשות און געזעהען אַז לאה׳קע פֿעהלט און אויף מאָרגן וועט דאָס בעט זײַן אומגאַנצן ליידיג, האָט מיר אַזש אַ שווינדער גע־געבן. „טרף טרף יוסף״, טוביה ברודער! איך האָב מורא. (מיט

מערדערן). אַז אַ חיה רעה האָט מיר פֿערציקט מײַן געליעבט קינד יוסף און אַצינד וויל מען בײַ מיר מײַן בנימין'ן אויך אַוועקנעמען.

י ע נ ט ע ל: טוביה! אַז איהר ווילט אַזוי גוט זײַן געהט בע־שטעלט אַ פּאַקער, אַז פּונקט נײַן אַ זייגער זאָל ער שוין דאָ שטעהן בײַם הויז.

ל י ב ע ל: (אײַנהאַלטענדיג). נישט געהן! — טוביה! ווילסט צוריק אַרבײַטען בײַ מיר? זעץ דיך אַרבײַטען. דו ביזט דאָך אויף מיר נישט בייז, איך האָב דאָך דיך פֿון מיר נישט פֿערטריעבען. דו אַליין האָסט דאָך נישט געוואָלט בײַ מיר מעהר אַרבײַטען. איין גאָט ווייסט, טוביה! אַז איך האָב דיך געוואָלט פֿאַר אַן איידעם, אַך! ווי גליקליך וואָלט איך מיך אַצינד געפֿיהלט. (אַ בליק אויף גאָליקלען מיט כעס). נ ו ר די גרויסע אויגען פֿון מײַן ווײַב, דאָס מקנא זײַן פֿון יענטלען, די בייזע מײַלער פֿון פֿרײַנד, די שפּיציגע צונגען פֿון שכנים האָבען געווירקט אויף מײַנע און מײַן טאָכטער'ס געדאַנקען... און... און ווי זאָגסטו, עס האָט אונז בײדע דערהרג'ט. (זעצט זיך אַרבײַטען).

ט ו ב י ה: איך וואָלט שוין אויף מיר אַזוי פֿיעל נישט גע־קוקט, וואָס ווייס איך? איך בין דאָך נישט מעהר ווי אַ פּראָסטער מענש, מענשען האָבען געזאָגט, אַז איך בין נישט מיט לאה'קען קיין זיווג, האָב איך מיר געטראַכט, אײַדער חתונה צו האָבען נישט מיט מײַן זיווג און לאה'קע זאָל חלילה דאַרפֿען אָנקומען אַן אלמנה צום טאַטען אַזוי ווי יענטעל און איך וועל דאָך במילא ליעגען אין דער ערד, אַזוי זאָל כאָטשע לאה'קע גליקליך זײַן מיט איהר זיווג, און איך... אַן לאה'קען ליג סײַ ווי סײַ אין דער ערד.

(אויפֿטריט פּ י ו ו ע ל — ס מ י ט ה.)

ס מ י ט ה: העלוי מחותן! וואַי זענט איהר ערגיץ געוועזען? זיי האָבען געהאַט עגמת נפש, איהר וועט נישט זײַן צום געזעגנען און צום בעגלייטען. האָב איך זיי געזאָגט, אַז העכסט רעדליך איז אַן איידלער מענש און וועט קומען. מאַדאַם רעדליך איהר וועט

ענטשולדיגען, וואָס איך האָב נישט געקענט ערפילען אייער וואונש, צו זיין ביי אייך צום נאַכטמאָל, ר׳ פּיוועל׳ס ווייב האָט זיך גענומען אַ גאַנצען טאָג געמוטשעט מיט קרעפּלעך מאַכען, האָב איך זי נישט געוואָלט מבייש זיין. (נעמט אַרויס געלד). הער רעדליך! איהר ווערט אַזוי גוט זיין געבען ביי אייך אין שוהלעכען 5 גולדען פֿאַר אַ נדר פֿין שבת. (לעגט עס אויף דעם טישעל לייבעל אַרבייט). הער רעדליך! איהר ווערט אייער טאָכטער צוליעב אַצינד אַוועקלייגען די אַרבייט, מען דאַרף שוין באַלד געהען פֿאָהרען, עס איז אונגאַנצען צייט אַ שעה צום צוג. (לייבעל אַרבייט).

לייבעל: דער מענש קען אַמאָל, נישט אין איין שעה, נור אין איין רגע, פֿערהיטען עס זאָל נישט קומען דאָס גרעסטע אומגליק, הערר סמיטה! ביי אייך איז נישטאָ מעהר ווי איין שעה צום צוג און ביי מיר דריי חדשים, יענטעל פֿאָהרט מיט אונז צוזאַמען פֿאַר פּסח.

יענטעל: איך פֿאָהר היינט ביי נאַכט און אַז דער טאַטע וויל נישט ווערט ער מיך נישט פֿאָהרען בעגלייטען.

לייבעל: (מיט געוואַלדיגען כעס — אַ קלאַפּ אין טישעל — כאַפּט אַ מעסער און צושנייד די שטריק אַרום קויש). דו וועסט נישט פֿאָהרען! (מען הערט רעדען אונטער דער טהיר מענשען).

גליקעל: לאָז זיין שטיל! עמיצער געהט אַהער (פּאָליציי דעטעקטיוו, בלייבט שטעהן אונטער דער טהיר — גליקעל לויפֿט צו צו דער טהיר).

דעטעקטיוו: (אונטער דער טהיר צו גליקלען). וואו וואוינט דאָ פּייוועל טורטעלטויב?

גליקעל: הערר טורטעלטויב איז דאָ ביי אונז, ביטע איהר קענט אַריינגעהן. (אויפֿטריט צוויי דעטעקטיוו׳ס איינער בלייבט ביי דער טהיר).

דעטעקטיוו: גוטען אָווענד!

פּייוועל: (געהט זיי אַקעגען, דערזעהט און דערקענט דעם

דעטעקטיוו). איך בין דאָ, אַה! העֶרר שינדלער! (ווערד שטאַרק דערשראָקען).

ליבעל: העֶרר שינדלער! וועמען זוכט איהר? (ער־שראָקען).

דעטעקטיוו: פאַניע טורטעלטויב! איהר וועט אַזוי גוט זיין און געהן מיט מיר אויף דער אינשפּעקציאָן, ביי אייך זאָל זיך אויך געפינען איינער אַ העֶרר סמיטה אַלס גאַסט וואו איז העֶרר סמיטה? (אַלעס שטעהט ערשטוינט, אויפטריט אליהו).

פיוועל: (ציטערענד און שטאַנדהאַפט). יאָ מיסטער סמיטה אויס אַמעריקאַ, איז דאָ אַ גאַסט ביי מיר. אָבער ער איז ערגיץ אַוועקגעגאַנגען אין שטאָדט. חנפ'נדיג). קומט העֶרר שינדלער אַרויף צו מיר! וועט איהר מיר טאַקע זאָגען נאָך וואָס מען דאַרף מיך אויף דער פּאָליציי. (ער לאָזט זיך געהן).

ליבעל: (ווי פערווירט). דאָס איז דאָך מיסטער סמיטה אויס אַמעריקאַ, מיין איידעם'ס אַ שוואָגער! וואָס איז געשעהען? העֶרר שינדלער!

דעטעקטיוו: איך אַליין ווייס אויך וועלכער ס'איז מר' סמיטה. איך האָב זיין פאָטאָגראַפיע.

אַלע: וואָס איז געשעהען העֶרר שינדלער? (זעהר ער־שראָקען).

דעטעקטיוו: איהר העֶרר רעדליך, וועט אויך מוזען קומען מאָרגען 9 אַ זייגער אין דער פריה, אין דער פּאָליציי, מען דאַרף אייך אַלס עדות. — און איהר העֶרר טורטעלטויב און העֶרר סמיטה וועלען מיט אונז אַצינד מיטגעהן.

פיוועל: (חורש'דיג און שטאַנדהאַפט). קומט אַרויף צו מיר העֶרר שינדלער, איך וואוין אויף דעם צווייטען גאָרען.

שינדלער: עס קען אייך העֶרר טורטעלטויב מיין טובה גאָר נישט העלפען, וויל פון דער האַמבורגער פּאָליציי איז אַנגעקומען טעלעגראַפיש, צו אַרעסטירען אַ געוויסען חיים שמיד אויס טאַרנאָפּאָל. (צו סמיטה). זענט איהר העֶרר שמיד אויס טאַרנאָפּאָל?

און פֿון דער טאַרנאָפּאָלער פּאָליציי איז אַהער דעפּעשירט געוואָרען אַז הערר שמיד געפֿינט זיך אין לעמבערג, אויף דער אַדרעסע פֿון פּייוועל טירטעלטויב סמאָטשאַ־גאַסע נומער 24 און איך האָב דעם אויפֿטראַג אײַך צו פֿערהאַפֿטען אַלס מיטגליעדער פֿון אַן אָרגאַניזירטער באַנדע פֿרויען־הענדלער. (גליקעל — יענטעל — צווײַ געוואַלדיגע קווימשעס. — לײַבעל פֿאַלט חלשות — אליהו טאַמעלט — טוביה שטאַרק בלײַך ווײַס).

טוביה: (מינטערט לײַבלען). מײַסטער! ר' לײַבעל! מײַסטער. (אַלע צו צו איהם. — דעטעקטיווס — פּײַוועל — סמיטה אַב).

לײַבעל: (שוואַך). מיר איז גאָר נישט. (פּויזע — פֿערווירט). וועסט פֿאָהרען יענטעל? וואו איז לאה'קע? (ביטערער — פֿערווירטער). שוועך! וואו איז מײַן קינד? (ווילדען געשרײַ). גליקעל! גיב מיר אַהער לאה'קען.

גליקעל: (קלאָגענד). אַ גרויס אונגליק האָט אונז געטראָפֿען.

לײַבעל: (ווילד). ווער זאָגט אַן אונגליק? אַ גליק! מײַן לאה'קע איז אַ גבירה'נטע, מיט גרויסע בריליאַנטענע אויריגנ, טײַערע קליידער און דימענדינע רינגען. — גליקעל! וואו איז מײַן לאה'קע? גיטס מיר אַהער מײַן אָבגעצייטערט קינד. (ווײַנט יעמערליך). וואו האָט איהר מיר אַהין געטהון מײַן ליעב קינד? מײַן אוצר! איהר האָט זי ערמאָרדעט געשחט'ען — אָה! וואָלט איהר זי געווען ערמאָרדעט אויף טויט, וואָלט דער טאַטע געזעהען, וואו עס קומט אַהין לאה'קעס שעהנער קערפּער. דער טאַטע וואָלט ווענינסטענס געווען געהאַט אַ באַרג ערד פֿון זײַן טאָכטער. — וואו איז מײַן לאה'קעלעס קערפּער? ערגיץ פֿערקויפֿט געוואָרען צו שאַנד און שמוץ. — געוואַלד גיט מיר צוריק דעם קערפּער פֿון מײַן טאָכטער, זאָל ער זײַן טויט, זאָלען איהם די ווערעם עסען. — אײדער ער איז ערגיץ צו עקעל און שמוץ פֿון מענשען שלאַנגען, גיט מיר מײַן קינד!....

יענטעל: (פאלט צו איהם קלאגענדיג). טאטעניו מיר זענען אין א גרויס אומגליק! — וואס איז צו טהון?

ליבעל: (מיט כעס). אוועק! אוועק פון מיר! דו ביזט שוין ארויס פונ'ם טאטענס רשות, דו פאהרסט אן דעם טאטענס בע-גלייטען. — אבער לאהיקען האט דער טאטע אליין בעגלייט! — גליקעל! קום אהער מיר האבען דאמאלס פערגעסען צו מאכען די ברכה „על מצות שחיטה“ מיר האבען ביידע אליין אונטערגעפיהרט און איבערגעבען אונזער געליעבטע טאכטער צום מזבח פון זנות (ווילד). גליקעל! יענטעל! אלע! אלע, גיט מיר צוריק מיין קינד! וואו איז מיין ליבקע? (פאלט חלשות).

(פאזיציאן)

פארהאנג פאלט.

דריטער אַקט.

(שפּעטער מיט אַ יאָהר. — ליבּעל מיט דער פאַמיליע, האָבּען אויסעמיגרירט נאָך אַמעריקאַ. — עס שטעלט פאָר ליבּעלס וואוינונג אין אַ טענעמענט הויז, פון 4 רוּמס. — רוּם — קיטשען — צוויי בּעדרוּמס — מיטאָגס־צייט — ס'איז אַן אַמעריקאַנישער פייערטאָג — גליקעל. — פּאַרעט זיך אין קיטשען. — אַ קורצע ווייַלע, קוּמט אויך אָן פון סטריט — יענטעל. — אין פראָנטרוּם אַריין).

גליקעל: (אַריינקוקענדיג פון דער ווינדאָ — וואָס פירט אין קיטשען, פון פראָנטרוּם). די בּיזט עס יענטעלי? טאָקע נישט נישט געאַרבּייט נור אַ האַלבּען טאָג?

יענטעל: יע — וואו איז דער טאַטע?

גליקעל: אַרונטער געגאַנגען מיט טוביה'ן נאָך 9 אַ זייגער — איך מיין זיי וועלען שוין אָנקוּמען. (גליקעל קוּמט אַריין אין פראָנטרוּם).

יענטעל: וואָס עפּעס נייעס?

גליקעל: וואָס ווילסטו נייעס, פון אין דער פריה בּיז אַ־צינד? — איך האָבּ דאָ געהאַט אַ גוטען דזשאַבּער, אַז עס מעג קוּמען אַן אויסרייסעניש אויף גאַנץ אַמעריקאַ מיט קאָלוּמבּוּס צוזאַמען מיט די

טאַפּפּלאָרס און פּעטען שלעסער צוזאַמען. איך בין אַראָבגעגאַנגען אין װראָמערי. און ביז איך האָב מיך דערלעבט אַרויפצודראַפּען די 5 פּלאָר, האָב איך ערשט פּאַרגעסען מיטצונעהמען דעם שליסעל. אין דער פּעטען־שלאָס איז צוגעפּאַלען, נו נו פּרעגי שוין גאָר נישט, װען נישט מיסטער פּערבער! ער איז פון זיינע רומס, דורך'ן פיירעסקעב אַריין דורך דער װינדאָ און געעפּענט די טהיר.

יענטעל: מאַמע! עס שפּירט זיך עפּעס אָנגעבּרענט.

גליקעל: עס שטעהט גאָר נישט אויף דעם אויװען. (געהט אַריין אין קיטשען).

יענטעל: עס טשאַדעט דאָך אַזוי אַז ס'איז נישט צום אײַנשטעהען.

גליקעל: (פון קיטשען דורך דער װינדאָ). ס'איז גאָר נישט, גאָר נישט. — שוין, שוין! איך האָב אַנידערגעשטעלט אַ טעפּעל פון קאַשע אויף דעם אויװען, עס זאָל זיך אָבװייקען דאָס פּער־דאַרטע, האָב איך פּערגעסען אַריינצוגיסען װאַסער. (אויפטריט מחלה דורך דער קיטשען טהיר).

מחלה: גוט מאָרגען! (קומט אין פראַנטרום). בנאמנות ס'איז אַ מחיה צו אייך אַריינצוקומען, איך בין אייך מקנא אין באָר־דערס, װי מיט דעם גרעסטען פּערמעגען. די צװיי מוידען װאָס װאוינען ביי מיר, האָט זיך איינער פּערגליסט צו מאַכען אַ װעש, אַמבעסטען איך דאַרף קאָכען דינער, מיין אַלטער קומט באַלד אַהיים, איז זי מיר אַרויף מיט'ן װאַש קעסעל אויף דעם אויװען אין די צװייטע האָט זיך געשטעלט אויסװאַשען דעם קאָפּ האָב איך אַ פולע שטוב מיט האָר.

אויפטריט אליהו.

אליהו: (אין קיטשען צו גליקלען). גוט מאָרגען! מחלה איז דאָ? (ערבליקט זי אין פראָנט רום). האָסט איבערגעלאָזט די רומס פאַר די באָרדערס און דו זיצט דאָ. — װאָס הערט זיך מיט דינער?

מ ח ל ה: (בייזליך). וואו האָסטו נאָך דינער! דזשעני איז נאָך נישט פערטיג מיט דער וועש.

א ל י ה ו: נו וועלען מיר וואַרטען. — הער־זשע יענטעל, האָט מיין ווייב אַ באָרדערקע קיין עין הרע, שמעקט איהר קעפּעלע ווי אַ בשמים שקעטעלע, זי האָט זיך אויסגעוואַשען דאָס קעפּעלע מיט נאַפט, איז נור איבער איהר הבדלה צו מאַכען מיט אַ בורא מאורי האש. — וואו איז לייבעל?

ג ל י ק ע ל: איך וויים טאַקע נישט וואָס זיי זוימען זיך אַזוי לאַנג, איך הייב שוין באַלד אָן נאָכצוקלעהרען.

א ל י ה ו: אין אַמעריקאַ נאָכקלעהרען! — גלאַט זיך פער־שפּעטיגט אַביסעל אין אַ סאַלון (שענק). אַ מיטינג וכדומה און דאָס נאַרישע ווייב הייבט באַלד אָן נאָכקלעהרען.

מ ח ל ה: זיי איז דאָס אַזוי גרינג אָבצוזאָגען, אַ סאַלון, אַ מיטינג. — מען האָרעוועט אַ גאַנצען טאָג מיט דער מיתה און מען דערלעבט זיך שוין אַריינצולייגען אין בעט אַריין, זיך אויסצורוהען און מען כאַפּט שוין אַ דרימעל, קומען זיי צוקריכען פון די סאַלון׳ס, צו פון די מיטינגען און מען צערשטערט דעם גאַנצען שלאָף, אוי אַן אויסכאַפּעניש אויף אַמעריקאַ מיט די סאָסייעטעס. (פעראיינען).

ג ל י ק ע ל: און אויוועןס און פעטען־שלעסער.

י ע נ ט ע ל: אַמעריקאַ׳ס צוויי שונאים.

א ל י ה ו: נעווער מיינד! (נישט קשה). זי דערלעגט אויך צו קאָלומבוסען מיט די סאָסייעטעס, ערשט לעצטע וואָך האָט מען איהר אַריינגעבראַכט קנאַקענדיגע 30 דאָלאַר קראַנקענבענעפיט פאַר 3 וואָכען פון די זבאַרישער, קאָלבאָשאָווער תפארת ישראל, לאָדוש אינדעפּענדען אָרדען ברית אברהם און פון מיין אַלטער חברה, קאָנ־גרעגיישאָן אָוו נעוואַרק בית הכנסת אנשי קיליקאָוו, יאַריטשאָוו, טאָפּאָראָוו ק. א. ב. א. — די וואָלסט טאַקע נאָך בוז איבער אַ יאָהר נישט געהאַט קיין איזבאַקס (אייזקאַסטען) ווען נישט די דריי וואָכען קראַנקען בענעפיט. — און וואָס מיינסטו יענטעל האָט זי

געשטרויט מיט די 10 דאָלאַר שבעה געלד? ווען דאָס קינד איז געשטאָרבען.

מ ח ל ה: (טרויעריג) אוי דערמאַן מיך נישט.

א ל י ה ו: איך דערמאַן דיך נישט, אָבער א סעט פאָר (מוף און קראַגען) וואָלסטו ביז היינט נישט געווען געהאַט, ווען נישט דיעזע 10 דאָלער.

מ ח ל ה: איך בעט דיך אליהו, ריהר מיר נישט אויף מיינע וואונדען.

ג ל י ק ע ל: טאַטע! וואָס האָסטו דיך עפּעס אַצינד אין דעם דערמאָנט?

א ל י ה ו: דאַטס אָל רייט! (דאָס מאַכט נישט) אדוני נתן, ואדוני לקח, גאָט גיט און גאָט נעמט אין דער אַלטער אליהו איז אויך נאָך נישט פון שטרוי געפלאָכטען.

י ע נ ט ע ל: מאַמע! איך אַליין ווער שוין אַביסעל אונרוהיג שוין האַלב נאָך איינס — איך ווייס דער טאַטע פערשפּעטיגט קיינמאָל נישט, בפרט טוביה איז מיטגעגאַנגען.

מ ח ל ה: אויב איך האָב קיין טעות, האָט מיר טוביה נעכטען געזאָגט, אַז אַזוי ווי היינט איז האָלידעי (פייערטאָג) וועט ער געהן מיט ליידלען אָנקוקען אַ האָל (זאַאַל) אויף דער חתונה.

א ל י ה ו: אַ פּנים אַלע ווייבער פערליערען זייערע קעפּ אין אַמעריקאַ: טוביה האָט איהר נ ע כ ט ע ן געזאָגט! שוין פון 6 וואָכען שמועסט מען אַז מען וועט נישט מאַכען קיין הויכע חתונה, נור דאָ אין די רומס, (צימער) האָט איהר טוביה נעכטען געזאָגט, — הערסטו יענטעל! ביי מיין מחלה'ן איז נעכטען פאַר 6 וואָכען, און אַנומעלט פאַר 15 יאָהר.

מ ח ל ה: איך זאָג ווייטער מיינס, נור אַ חתונה ווי ביי לייטען, וואָס איז, יענטעל איז אַן אַלמנה! איז טוביה אַ בחור, און וועמען עס וועט נישט געפעלען, וועט נישט מעגען צוהאַלטען אַ הראָנ צו דער חופּה.

י ע נ ט ע ל: פון מיין זייט, וואלט גענוג געווען די חתונה אין קארט. (געריכט).

א ל י ה ו: און ווי האלט עס מיט טוביה'ן?

ג ל י ק ע ל: אט ווענען דעם זענען זיי אצינד געגאנגען צו העריר בירנבוים, מאטיע מלמד'ס זוהן פון לעמבערג, ער איז דא נאטאר, ער זאל פערזארגען די לייסטען (פאפירען) אויף דער חתונה. הערסט טאטע! ווען דו זאלסט דא געווען זיין, אידער זיי זענען אוועקגעגאנגען, האט טוביה געוויינט ווי א קליין קינד. — מיט די ווערטער זאגט ער צו לייבלען. „מיסטער רעדליך! ווען איהר טרייבט מיך נישט אוועק פון אייער הויז, וואלט איך ביי אייך גע־וואלט אפזיצען מיין גאנץ לעבען און נישט חתונה האבען". — נאר אזוי ווי מיין מאן האט איהם געזאגט, אז ווען ער וועט איהם קענען בעטראכטען פאר זיין קינד וועט ער אפשר אביסעל געטרייסט ווערען נאך לאה'קען, האט ער באלד געזאגט, קומט צו בירנבוים! און טרעהרען האבען איהם געגעבען א שלאג ארויס פון די אויגען.

מ ח ל ה: לאה'קע קען איהם נישט ארויס פונ'ם קאפ. — נו, און נור איהם קען זי נישט ארויס פונ'ם קאפ, און וועמען יא! עס געהט דען אוועק איין נאכט, איך זאל זי נישט זעהן אין חלום. נור מען מוז זיך טרייסטען.

ג ל י ק ע ל: אוי טרייסטען! מיר קענען צו אונזער בראך גאר קיין טרייסט נישט האבען, ווי זאגט די וועלט, איין א טויטען מוז מען פערגעסען, אבער אין א לעבעדיגען, וועה איז צו דער מאמען, און א קלאג איז צו דער מאמען. (וויינט).

מ ח ל ה: (אויך מיט געוויין). אוי! דעם בראך, פיהלט טאקע נישט קיינער מעהר נור א מאמע, נור גלייבט מיר אז אפילו אין א טויטען קען מען אויך נישט פערגעסען. אט איז מיין שעפעלע, מיין אוצר, מיין פרינצעלע אן אבטיג איז צו דער מאמען, טויט שוין באלד דריי חדשים, נו? איז עס מיר דען נאך אוועק פון די אויגען איין מינוט, א קלאג איז צו דער מאמען.

אליהו: (איראָניש). אַ בראָך צו דער מאַמען, אַן אַכטיגן צו דער מאַמען, נישטאָ ווער עס זאָל לאַכען! אַט גלייכט זי זיך צו גליקעלס אונגליק, זי האָט פערלוירען אַ קדיש פון 31 מעת לעת. נו! איז וואָס? איז דיר שוין חלילה דער מאַן געשטאָרבען און שוין!... איך לעב! און ווי זאָגט דער פויערישער מדרש? „טאַם גדזישע וואָראַ בילאַ, טאַם בענדזשע“, און צוריקגעשמיעסט דאַרפסטו דאָך גאָט צו דאַנקען וואָס דאָס קינד איז געשטאָרבען צו 31 טעג.

יענטעל: פאַר וואָס זיידע קומט עס אַזוי גאָט צו דאַנקען?

אליהו: ווייל ווען עס שטאַרבט מיט איין טאָג וועניגער הייסט עס דאָך אַ נפל'ע, פערשפּאָרען מיר צו זיצען שבעה, די פּאַסיטעס וואָלטען זיך איינגעבראַכט שבעה געלד, און מחלה וואָלט געוועזן געבליבען אָן אַ סעט פאַר אַן אַכטיג איז דער מאַמען...

יענטעל: מאַמע! וואָס זאָל דאָס פאַרט זיין, וואָס זיי זוימען זיך אַזוי לאַנג?

אליהו: דו זאָגסט, זיי זענען געגאַנגען צו בירנבוים, מאַטיע מלמד'ס זוהן, ער האָט אַ טעלעפאָן, וועלען מיר באַלד אַלעס וויסען, איך האָב זיין וויזיט קאַרטע. (זוכט זי אין פּאַקעט). ווי אַזוי איז זיין טעלעפאָן יענטעל? (גיט איהר צו לעזען).

יענטעל: ארטשארד, טרי, טו, טרי טו.

אליהו: (לאָזט זיך געהערען חזיר'ט איבער). ארטשארט, טרי, טרו, טרי, טרו (געהט אַב. און ביי דער טהיר בעגעגענט ער טוביה'ן). אַט איז דאָ טוביה. (אויפטריט טוביה אַלע צו ניי־גיעריג).

טוביה: זייט נישט דערשראָקען אַ גוטע בשורה!

יענטעל: (און דאַן אַלע). וואָס איז טוביה?

טוביה: לאה'קע איז דאָ! (אַלע ערשטוינט).

גליקעל: וואָס? ווען? ווי אַזוי? (צערוויינט זיך). זאָג שנעלער טוביה!

יענטעל: וואו איז זי? וואו איז דער טאַטע?

טוביה: זײַ זענען אין די פּאָליס העדקוואַרטערס (פּאָליציי) אַרײַנקומענדיג מיט׳ן טאַטען צו בירנבוימען, טרעף מיר איהם אין אײַלעניש צו אונז צו לויפֿען. ר׳ לייבעל! שרײַט ער אויס מיט שמחה, קומט מיט מיר שנעלער, עס איז דאָ אַ שפּור פֿון אײַער טאָכטער. די פּאָליציי איז נעכטען איבערפֿאַלען אַ שאַנדהויז אויף דער 26־טער סטריט, אַרעסטירט דעם בעל בית און 8 מיידלעך. דער פּאָליציי האָבען די מיידלעך אַנגעגעבען זייערע נעהמען און צווישען זיי איז דאָ דער נאָמען לינאַ רעדליך. איך האָב באַלד אײַך געוואָלט לויפֿען זאָגען, האָט בירנבוים געשריגען, עס וועט ווע־רען שפּעט. מיר זענען באַלד צו אַ לויער (אַדוואָקאַט) און אַוועק אין די פּאָליס העדקוואַרטערס. עס איז אונזער קרבן, אונזער לאה׳קע!

גליקעל: וועה איז צו דער מאַמען. (וויינט).

אליהו: נו וואָס איז צו טהון?

טוביה: מיר האָבען שוין אַלעס געטהון. זי איז געשטעלט אונטער 500 דאָלאַר בייל (קויציאָן). דער באַנקיער ווי מיר האַלטען דאָס געלד איז זי געגאַנגען ביילען און דער טאַטע מיט בירנבוים׳ן זענען צוגעלאָפֿען צו דער היברו עמיגראַנט אייד סאָסייעטע, מען וויל זי נישט אַרויסגעבען נור אונטער זייער השגחה.

אליהו: וואָס הייסט דאָס? איז דען נישט אַ טאַטע בילכער ווי אַ פֿעראיין? פֿאַר וואָס האָט לייבעל נישט געזאָגט אַז ער איז דער טאַטע?

טוביה: מען האָט איהם נישט געוואָלט גלויבען.

אליהו: ער האָט דאָך געקענט ווײַזען זײַן פּאַס, אויפֿ־געשריבען לייבעל רעדליך, לעמבערג גאַליציען, סמאָטשאַ־גאַס נומער 24.

טוביה: איך בין זעהר אונגעדולדיג. קום יענטעל וועלען מיר נאָך אַמאָל אַהין צולויפֿען, שנעלער טהו דיך אָן.

גליקעל: האָסט זי געזעהן טוביה?

טוביה: ניין! מיך האָט מען נישט אַרײַנגעלאָזט, נור דעם טאַטען מיט דעם לויער. שנעלער יענטעל!

אליהו: וואַרט אַ מינוט, איך לויף אויך מיט אײַך, איך גײ מיר נעמען דעם קאָרט (אַבערראָק). מחלה! קום גיב מיר נאָר עפּעס איבערצוכאַפּן שטייענדיק, ביז יענטעל וועט זיך אָנטאָן, וועל איך זײַן פֿאַרטיק. (אליהו און מחלה אָפּ).

גליקעל: נו! און איך וועל דען קענען דאָ אײַנזיצן? ביז איך וועל אײַך דערלעבן צו זען צוריק, וועלן דאָך מיר די אויגן אַרויס, איך גײ מיט אײַך.

טוביה: ווער וועט בלײַבן אין הויז? אפשר וועגן זיי שוין אויף דעם וועג. — און מיר וועלן זיך נישט טרעפֿן. מיסטעם רעדליך! איר בלײַבט דאָ, און איך בעט אײַך טאַקע לאָז אַלעס זײַן שטיל, מען זאָל אין הויז גאָר נישט ערפֿאַהרען. — איר זאָלט אויך בעטן די מוהמע מחלה, זאָל נישט צופֿויקען באַלד בײַ די שכנים און באַרדערס אידרע. — קום יענטעל! (שרײַט אין האָל). זײַדע! איר גערט?

אליהו: (פֿון נעקסט דאָר) שוין! שוין! (אויפֿטריט אליהו, באַטענד דעם קויט (קנעפּעלט דעם אַבערראָק) און אין איין האַנד אַ פּאַטעטע (אַ בולבע). האָב איך אײַך געזאָגט עס וועט גאָר נישט דויערן. איך האָב נאָר געכאַפּט אַ טרינק בראָנפֿן און פֿאַרביסן אַ פּאַטײטע.

גליקעל: טוביה! דו ביסט דאָך נאָך ניכטערן, נעם כאַפּ עפּעס איבער.

טוביה: ווער מען ליגט אין זין עסן? קומט וואָרען איך שטעה אַזוי ווי אויף שפּילקעס. (לאָזען זיך גען — אַזוי ווי זיי גען אַרײַן אין האָל).

טוביה: אָט איז דאָ דער טאַטע! (אַלע לויפֿן צו דער טיר, אויפֿטריט ליבעל אַלע צו איהם צו).

אַלע: וואָס הערט מען? וואו איז לאַה'קע?

ליבעל: (שטאַרק דענערווירט). זי קומט, זי קומט מיט בירנבוימען און מיט אַ פֿרוי פֿון דער סאָסײַעטי. (ווערט נידער־געשלאָגען).

גליקעל: דו האסט זי געזעהן? לייבעל!

לייבעל: איך האב זי געזעהען! ס'איז נישט אונזער לאה'קע — א תל האט מען מיר געמאכט, און דעם איינעם יאהר, פון אונזער קינד, נישטא די רויטע קיילעכדיגע בעקעלעך. נור איינגעפאלען און בלייך ווי ביי א גוסס'ן. (פויזע). גליקעל! מען האט אונז צוריקגעגעבען א פערטרויערטע, אויסגעמארטערטע, פערמוטשעטע. (ווישט זיך מיט דעם טיכעל די אויגען).

יענטעל: מיין עלענדע שוועסטער!

גליקעל: וועה איז דער מאמען. (אלע וויינען מיט). וואס האסטו מיט איהר גערעד? לייבעל.

לייבעל: גאר נישט! אזוי ווי איך האב זי דערזעהען איז מיר מיין לשון אבגענומען געווארען. נור דאס ווארט „לאה'קעניו" בין איך אומשטאנד געווען אויסצושרייען, און מעהר ווייס איך נישט וואס מיט מיר האט פאסירט א געחלש'טען האט מען מיך אריינגענומען אין אן אנדער צימער, שפעטער ווען איך האב מיך בערוהיגט האט מען מיר געהייסען באלד אהיים געהן און זיי װעלען קומען מיט איהר.

יענטעל: וואס האט זי געזאגט ווען זי האט דיך דערזעהן?

לייבעל: זי איז געווען ווי פערמישט, ווי א וואהנזיניגע האט זי געגלאצט מיט די אויגען, מיך צו איהר נאהנט האט מען נישט צוגעלאזט, מען האט מיר אפילו נישט ערלויבט זי גיט אויסציקושען, זי ארום צו האלזען און מיין פערביטערט הארץ, מיין אנגעזאפטען קוואל טרעהרען אויסצוגיעסען. (וויינט רוהיג).

אליהו: אצינד לייבעל איז נישט קיין צייט פון וויינען.

לייבעל: ווער וויל דען וויינען? נור נעמט שווער, האלט איין א קוואל ער זאל נישט שפריצען. — נור איך וועל מיך שוין צוריקהאלטען. (אויפטריט מחלה פערסאפעט, אריין אילענד און הויז).

מחלה: לאה'קע גערט! (באלד נאך איהר אויפטריט א פרעמדע פרוי פון דער סאסייעטע, בירנבוים — ליבקע).

לייבעל: (אזוי ווי ער האט זי נור ערבליקט, א פאל ארויף אויף איהר, וויינט ביטערליך). לאה'קעניו! קינדעלע! אלע ווייגען, יענטעל, גליקעל, ווילען צו צו איהר, אבער לייבעל שטעהט ווי צוגענאגעלט צו איהר. לאזט זי נישט ארויס. — פויזע — דאן כאפט זי ארום גליקעל — יענטעל — קושען זי און וויינען יאמערליך. לייבעל כאפט זי נאך אמאל ארום, קוקט איהר אין פנים און צער־וויינט זיך נאך שטארקער). (בירנבוים—פרוי, אב).

לייבעל: מיין לאה'קעלע!

לאה'קע: קוקסט מיך אן טאטע! דו זוכסט דיין לאה'קעלען: ווילסט זי דערקענען. עס איז נישט דיזעלבע לאה'קע! דו האסט געהאט א לאה'קע איז זי געווען ריין, אונשולדיג, פרום — געווען דעם טאטענס שטאלץ — ווער בין איך אצינד? אינריין, פערפלעקט, געשענדעט, ערניעדריגט און צערטרעטען, טאטעניו! דיין לאה'קע, יענע די לאבענדיגע, נאאיווע, לוסטיגע איז שוין לאנג געשטארבען, נישטא מעדר מיט וואס צו שטאלציערען.

לייבעל: קינדעלע מיינס! רעד נישט אזוי, דען יעדעס ווארט איז א שטאך אין מיין הארץ, יעדע טרעהר דיינע ברידט ווי אקריפ, יעדער זיפץ איז א ריס ביי מיין לונג. — לייקעניו! דו ביזט נישט שולדיג, איך! איך! מיר אלע זענען די זינדער, דו ביזט נישט זינדיג, נעם! האסט א רעכט, צערשנייד דעם טאטען אויף שטיקער, רייס ארויס לעבעדיג זיין הארץ, ווייל ער האט געזוכט גליקען, ברען אויס ביי דער מאמען די אויגען, דיזע אויגען וועלכע זענען פער־בלענדעט געווארען פון דיאמאנטען און ברילאנטען. מיר! מיר זענען ווערט אלע שמערצען, אבער דו קינדעלע מיינס! קרוין מיינע! ברילאנט מיינער, דו ביזט ריין אונשולדיג און ווען דו וועסט דיך נור מיט דעם טאטען נישט שעהמען, וועט דיין טאטע דעם שטאלץ מיט זיין לאה'קעלען, נישט פערקויפען, פאר קיין אוצר אין דער וועלט (וויינט). לאה'קעניו! זיי מוחל דיין טאטען!

גליקעל: דער מאַמעס אויגען, זענען שוין געווען אויסגערונען פֿון קלאָגען און וויינען, דעם טאַטענס הערץ איז געווען צעריסען אויף שטיקער. קינדערלעך לאה'קעניו! טאָכטער מיינע! די מאַמע איז נישט שולדיג, וועלכע מאַמע וואָלט נישט געוואָלט זעהן איהר קינד גליקליך, נישט איין מאַמע וועט נאָך קריעה רייסען פֿאַר אַזאַ אונגליק וואָס האָט אונז געטראָפֿען, לאה'קע לעבען! (נעהמט זי אַרום, וויל רעדען ווייטער). זיי מוחל... (דערשטיקט פֿון טרערען).

לאה'קע: (פֿויזע) שוין זיך אַלע דערקוויקט מיט מיר! שוועסטער: וואָס קלאָגסטו אַזוי? (לאה'קע רוהיגער און שטאַנדהאַפֿטער). קלאָג נישט זיידעניו! איך וויל דיך נישט זעהען וויינען, דיך וויל איך זעהן לאַכענדיג ווייצלענדיג, ווי תמיד, זאָג זיידעניו אַ ווערטעלע אַז מיר זאָלען זיך אַלע צעלאַכען. (נעמט איהם אַרום און קושט איהם און וויינט).

אליהו: לייקעלע! דו ווילסט מיך נישט זעהן וויינען קלאָגען, דו ווילסט איך זאָל לאַכען, טאַנצען, זאָגען ווערטלעך. קינדערלע. (וויינט אויף איהר). לאַכען זאָל איך? ווייצלען זיך איבער דיינע שעהנע בעקעלעך וועלכע זענען פֿון דיר פֿערשוואונדען. זאָגען ווערטעלעך, זעהענדיג וואָס עס איז פֿון מיין געליעבט אייניקעל געוואָרען, ניין קינדערלע! דיין לוסטיגער זיידע וויל זיך אַצינד גוט אויסוויינען אויף דעם חורבן, קלאָגען וויל איך, לאָז מיך קלאָגען. (וויינט). דו ווילסט עס נישט זעהן, וועל איך אַריינגעהן צו מיר און דאָרטען אויסגיעסען דעם ים טרערען, וואָס ס'האָט זיך מיר אָנגעזאַמעלט אין די צוויי לאַכענדיגע אויגען, ביז עס וועט מיר לייכטער ווערען אויף דעם האַרץ, דערנאָך וועל איך צוריק קומען. (ער געהט אַב מיט געוויין).

לאה'קע: און וואָס מאַכט איהר מוהמע מחלה?

מחלה: געלויבט איז דער איבערשטער, מען זעהט זיך געזונד.

לאַה׳קע: הערסט טאַטעניו! וואָס די מיִהמע מחלה זאָגט, געלויבט איז דער איבערשטער מען זעהט זיך געזונד. יאָ! אַז מען זעהט זיך געזונד! אָבער וואו איז מיין געזונד? וואָס וועט זיין ווייטער? ווער בין איך איצינד? און וואָס בין איך! וואָס וועט איצינד פֿון מיר ווערען? ווער וועט מיט מיר איצינד רעדען און מיך נישט פֿעראַכטען? ווער וועט איצינד מיר קוקען אין די אויגען און נישט אַרויסלעזען פֿון זיי מיין פֿערגאַנגענהייט? אונטער וועלכער מענשליכער געזעלשאַפֿט, וועט איהר מיך איצינד קענען איינפֿיהרען און די לופֿט זאָל דאָרט נישט ווערען פֿערפּעסטעט, פֿון מיין אַנוועזענהייט! — ניין, ניין! נישט צווישען אַנשטענדיגע מענשען איז יעצט מיין פּלאַץ. שיקט מיך צוריק אין זומפּף, שלעפּט מיך נישט אַרויס פֿון דעם שמוץ אין וועלכען איינערע הענד האָבען מיך אַליין דערטרונקען ראַטעוועט מיך נישט אַרויס, נור טרעט מיך גוט צו מיט אייערע פֿיס, כדי איך זאָל קענען פֿאַלען ווייטער טיעפֿער, טיעפֿער ביז צום אַבגרונד. ביז דער קערפּער וועלכער איז מיט אזא שרעקליכער ערניעדריגונג געטרעטען געוואָרען, זאָל אומגאַנצען פֿערצערט ווערען (פֿאַלט אויף דעם טיש, וויינענד אויף די הענד פֿערזינקען).

ליבעל: לאַה׳קעניו! איך בעט דיך שטאַרק דיך דו טהוסט דאַמיט וועה דעם טאַטען.

לאַה׳קע: זיי מיר מוחל טאַטעניו! נישט איך רעד נור מיינע ביטערע צרות, מיינע וואונדען, מיין שאַנדע רעד איצינד פֿון מיר. — ווען איך גיב אַ קוק, מיין פֿאַמיליע, אַלעס צוריק ווי עס איז געוועזען. אַזוי וואָלט איך אויך געוואָלט זיין ווי איך בין געוועזען. — טאַטעניו! טאַטעניו! (וויינט).

טוביה: מיסטער רעדליך! איהר ווייסט אַז איך בין אַ פּראָסטע מענש. נישט קיין געבילדעטער, — נור זעהר איהר עפּעס פֿיהל איך אַזוי איצינד, און ווייס עס נישט ווי אַזוי עס אָנצורופֿען ביים נאָמען, איך פֿיהל אַ פֿייער ברענען אין אַלע מיינע אבריִם, מיין הערץ קלאַפּט אין מיר ווי ביי אַ גזלן, איך זעה ווי! לאַה׳קע וויינט און שטעהט אַזוי ווי אַ געלעהמטער, איך פֿערגעס גאָר, ווער

עס וויינט. ס'איז דאך מיין לאה'קע! ס'איז דאך דיעזע וואס מען האט זי ווי מערדער ארויסגעריסען אוועקגעריבט פון מיינע הענד. (צו יענטעל'ן) יענטעל! מענשען האבען מיר אמאל געזאגט, אז לאה'קע איז נישט מיין זיווג, האב איך געזאגט זאל זי זיין גליקליך מיט איהר זיווג, אויב מיר ווע'לען זיך האלטען ווייטער ווי פראסטע מענשען; לאמיר גלויבען אז א זיווג איז יא דא, און דאס בין איך מיט לאה'קען. דיין זיווג וועט דיר גאט צושיקען. — און מיינעם האט ער מיר היינט צוריקגעגעבען. (צו לייקען) לאה'קע! דיין טוביה, דער טוביה, וואס האט איבער א יאהר צייט געפיהלט, אז א שטיק הארץ איז איהם ארויסגעריסען, האט היינט אנגעהויבען פיהלען אז זיין וואונד איז איהם פערשוואונדען, לאה'קע! דו דארפסט נישט בעקלאגען דיין עהרע, ווייל ביי מיר האסטו זי נישט פערלוירען. פון דיינע אויגען וועל איך נישט לעזען דיין פערגאנגענהייט, נור מיין גליקליכע צוקונפט. דו ביזט איינע פון די יעניגע קרבנות, וועלכע ווערען גערויבט, געמערדעט, געשענדעט ביי א ביטערען פאגראם — קוק דיך אום לאה'קע! דו זעהסט דיין פאמיליע אלעס צוריק ווי ס'איז פריהער געוועזען און ביי מיר בלייבסטו, מיין גליק! מיין שטאלץ! די עהרליכע, אונשולדיגע, ווי דו ביזט אמאל געוועזען. (קושט איהר די הענד).

יענטעל: עס קען גענוג שמערצען און וועה טהון דיך אלס לעבענס-בעגלייטער צו פערלירען. אבער איך בין גליקליך, איבערגליקליך! און וועל מיט דיר טוביה, אצינד שטאלצער זיין אלס שוואגער, ווי אלס מאן. ערלויב מיר, דיר פאר דיין עדעל-קייט א הייסען קוש צו געבען. (קושט איהם).

לייבעל: טוביה! איך וואלט דיר געוואלט עפעס זאגען, פיעל זאגען, דו ווייסט אז לאה'קע איז מיין... (צערוויינט זיך).

טוביה: (מונטערער). מחותן! נישט וויינען! מיר זענען היינט די גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט מיר זענען היינט גבירים מיליאנערען, ראקאפעלער, ראטשילדס און וואנדערבילד זענען

דיינט קבצנים געגען אונזער גליק און פערמעגען. (ער כאפט איהם ארום און קושט איהם).

גליקעל: גאטעניו! א דאנק און לויב דיר פאר דיינע גרויסע נסים און גוטע חסדים, לאה׳קעלע! קום וואש דיר אב דיין פנים פון די טרערען און גאט ברוך הוא וועט שוין אבוואשען פון אונז אלע צרות. (גליקעל לאזט זיך געהן אין קיטשען — מען הערט אנקלאפען אין טהיר. קאם־אין! זי געהט צו עפענען).

ליבעל: (אין דער זעלבער צייט). סטאפ לאה׳קעלע! עס קומט [עמיצער! קום לאה׳קעניו אין יענעם רום. (פיהרט זי אין צווייטען רום. — אויפטריט צוויי אינספעקטארען פון עליס איילאנד).

אינספעק.: לייבעל רעדליך!

ליבעל: (צוריק קומענדיג פון רום). איך בין עס!

אינספעק.: האט איהר אצינד אבגענומען א מיידעל פון די פאליס העדקווארדערס, מיט דעם נאמען לינא רעדליך?

ליבעל: יעס סער! עס איז מיין טאכטער.

אינספעק.: דאס ווייסען מיר אז איהר האט אייך דארט פערשריעבען אלס פאטער. — וואו איז אייער טאכטער? איך וויל זי זעהן.

ליבעל: (שטארק ציטערנד און ערשראקען). זי, זי איז דא! לאה׳קע לעבען! עפעס א מיסטער וויל דיך זעהן. (רופט זי אריין אויפטריט לאה׳קע).

אינספעקט.: איז אייער נאמען לינא רעדליך?

לאה׳קע: יעס סער!

אינספעק.: איך בין אן אינספעקטאר פון דעם אימיגריישאן אפיס אין עליס איילאנד. לויט דעם עמיגריישאן געזעץ פון די יונייטעד סטייטס או אמעריקא, געגען איינגעוואנדערטע געפאלענע פרויען, מוז מען צוריקשיקען יעדע אונמאראלישע פרוי אין דעם ארט פון וואנען זי איז געקומען. איהר וועט אצינד מיט אונז מיט־

געהען אין אימיגריישאן אפיס. (אלע בלייבען ווי פערשטיינערט. לאה'קע ברעכט צוזאמען).

ל י י ב ע ל : (ווי פערווירט). וואס הייסט! וואו אהין איז זי דא צו שיקען? אונזער היים איז דאך אצינד אמעריקא, דארט האט זי נישט מעהר קיינעם, מיר זענען דא שוין באלד א יאהר. און מיר האבען זיך דאס לאנד געמאכט פאר אונזער היים, וואו מיר וועלען ווערען געטריי ע בירגער אונטער דעם שוץ פון אמעריקא'ס פרייהייט און מיין קינד בלייבט אצינד מיט איהר טאטע, מאמע, שוועסטער און פאמיליע.

א י נ ס פ ע ק ט א ר : איך אליין קען אייך גאר נישט העלפען, איך האב אן אָרדער (איבערגעבען). אייער טאכטער צו ברענגען אין אימיגריישאן אפיס. מיס רעדליך! קליידעט אייך און קומט.

ל א ה ' ק ע : (מיט רחמנות און יעמערליך געוויין). וואו? וואוהין וויל מען מיך נעהמען? צו וועמען וויל מען מיך שיקען? וואו האב איך דען א היים? ווען מיינע עלטערען און פאמיליע זענען דא. — טאטעניו! לאז מיך נישט אוועק פון דיר. מאמעניו מען וויל מיך ווייטער פון אייך אוועקרייסען, און מיך שליידערן נאך טיעפער. — נאך טיעפער צו פאלען און זינקען, איך בעט אייך, לאזט מיך נישט. טאטעניו! (כאפט איהם ארום). לאז מיך נישט.

ט ו ב י ה : איך וויים אז מען שיקט נור צוריק יעדען אונגעווינשטען עמיגראנט, וועלכער קען דא קיין לעבען נישט מאכען און דארף פאלען צו לאסט אויף אנדערע, אבער מיר זענען דא איבער א יאהר אין לאנד, מיר ארבייטען פלייסיג, שוין אבגעסייפט (ערשפארט) ביי א טויזענד דאלאר און אזוינע ארבייטזאמע בירגער ווינשט זיך אמעריקא און וואס אנבעלאנגט איהר, איז זי נישט קיין אונמאראלישע פרוי, נור א קרבן פון אן א מ ע ר י ק א נ י ש ע ן ב י ר ג ע ר , מיר האבען זי גערעטעט פון דעם אונגליק, און גלויב איך אייער פפליכט אונז צו העלפען די אונגליקליכע אויפצוהויבען און נישט צו ווארפען מעהר אין זומפף, — איך בין איהר חתן און

װעל מיט איהר חתונה האָבען און מיט דער צייט װעט זי זיין די ערהװירדיגע פֿרוי פֿון אַן אַמעריקאַנער בירגער.

אינספּעקטאָר: איך האָב דאָך דאָס אייך שוין ערקלערט, אַז דאָרט אין אימיגריישאָן אָפֿיס, װעט איהר קימען מיט אַ לאָיער, אפֿשר װעט איהר קענען עפּעס טהון. איך מוז אויספֿאָלגען מיין אָרדער (צום צװייטען — צװייטער נעמט זי).

לאה'קע: (ווילד וואַהנזיניג). וואו? וואוהין? טאַטעניו! איך האָב מורא, עס זענען פֿערשטעלטע באַנדיטען אין מען רויבט מיך ווייטער צו אַן אונגליק. טאַטעניו! מען שלעפּט מיך ווייטער אין שאַנד-הויז. — מענשען! שוועסטער! טוביה! ראַטעװעט מיך! (פֿאַליסמאַן וויל זי פֿיהרען).

ליבעל: (ווילד). נעמט נישט מיין קינד! לאָזט מיך זיך מיט איהר פֿרייען, צערשטערט נישט מיין געפֿונען גליק. ניין, ניין! נעמט זי נישט אַליין! איך געה אויך — לאה'קעניו האָב נישט קיין מורא, דער טאַטע װעט דיך שוין פֿון זיך נישט אָבלאָזען. לאה'קעניו, דער טאַטע װעט דיך שוין אַליין נישט אָבלאָזען, דער טאַטע געהט מיט זיין אונגליקליך קינד.

(פּאָזיציאָן)

פֿאָרהאַנג פֿאַלט.

פיערטער אקט.

(שטעלט פאר די וואוינונג פון לייבעל רעדליך, אבער אריבער געמעבעלט אין איין אנדער הויז — שפעטער 14 טאג. — ס'איז אין א זונטאג אויף דער נאכט. — י ע נ ט ע ל. טהוט עפעס האנדארבייט. באלד קומט אן — ט ו ב י ה).

ט ו ב י ה: וואו איז לאה'קע? יענטעל!

י ע נ ט ע ל: זי איז ארונטער געגאנגען אין דראגיס, זיך נעמען ברומא-סעלצער, זי האט קאפ שמערצען. נו! וואס הערט מען טוביה?

ט ו ב י ה: שוין נישטא איין רב ווי דער טאטע זאל נישט האבען געוועזען אין קיין איינציגער פון זיי געפונט נישט א דין, ווי אזוי ער זאל קענען ערלויבען איהר חתונה האבען, אלע רופען זי אן א עגונה.

י ע נ ט ע ל: נו! וואס וועט זיין דער סוף? עפעס דאס אונגליק איז דאך נאך ערגער ווי אלע צרות. פון אונגליק אין שאנדע, גאט זיי דאנק, זי געראטעוועט פון צרות און עגמת נפש און עלים איילאנד, זי בעפרייט. — און אויף דעם גיט גאר נישט קיין עצה, קיין ישועה?

ט ו ב י ה: אלע, אלע, צו וועמען מען קומט, דאסזעלבע, איך בין אויך געוועזען מיט'ן טאטען ביים רב הכולל אליין און אזוי ווי דער טאטע האט איהם דערצעהלט די גאנצע זאך האט ער אפילו נישט נאכגעזוכט, נישט גוט איבערלעגט, נור באלד א זאג געגעבען חלילה! זי טאר נישט חתונה האבען, זי איז אן עגונה. איך האב

איהם אַפּילו געפּרעגט רבי! איהר גיט אַפּילו נישט אַ קלערהר איבער די גאַנצע צרה, איהר האָט אַזוי פֿיעל גמרות דאָ און די שאַפֿעס אפשר האָט עפּעס אַ גרויסער רב מיט אַ גוטען פֿערשטאַנד אַריינ־געשריבען אַ דין, אַז מען זאָל מעגען. וואו איז דאָס מעגליך! אַז וויפֿיעל גרויסע תנאים און רבנים די וועלט האָט שוין געהאַט ביז היינט, זאָל איינעם נישט האָבען איינגעפֿאַלען אַז טאָמער טרעפֿט זיך אַזאַ אומגליק, וואו עס קומט אַ שופֿט און האָט אַפּילו נישט אין זין מיט איהר אויף עהרליך חתונה צו האָבען, זיינע געדאַנקען, זיין ציעל איז גאָר אויף זי צו שענדען און צו שאַנד צו פֿערקויפֿען, זאָלען דעם לומפּס עטליכע ווערטער הרי את זיין אַזוי שטאַרק אַז אַלעלכע גרויסע רבנים מיט שאַרפֿע מוחות, זאָלען דאָס נישט קענען איבערדייסען און מאַכען צו גאָר נישט? אמת, רבי! איך בין אַ פּראָסטע גראָבע בריאה, אַ פּראָסטע זייגערמאַכער אָבער מיין שכל קען דאָס נישט בעגרייפֿען. — האָט ער מיר געענפֿערט, ס'איז אַזוי דער דין פֿון דער תורה, און ער קען גאָר נישט העלפֿען. האָב איך איהם געזאָגט, רבי! די תורה זאָל האָבען אָנגעשריבען אַ דין אַז איינער וועט בעגעהן אַ פֿערברעכען זאָל דער צווייטער אונשולדיגער דערפֿאַר זיין לעבעדיג בעגראָבען אויף זיין גאַנצען לעבען, קען מיין פּראָסטער קאָפּ נישט פֿערשטעהען און איך האָב געגעבען אַ פּראַלע מיט דער טהיר און אַוועק.

יענטעל: און וואָס קען פֿאָרט זיין דער סוף?

טוביה: עה! וואָלט לאה'קע געוואָלט, וואָלט דער סוף שוין היינט געווען. איך וואָלט דעם דין איבערגעלאָזט פֿאַר אַלע רבנים, מיט זייער, ווי דער טאַטע רופֿט עס כדת משה וישראל און וואָלט מיר חתונה געהאַט אין קאָרט (געריכט) כדת יענקי ואַמעריקאַ. איז דאָך ביי איהר דער טאַטע מעהר ווי איהר לעבען און דעם טאַטען וויל זי נישט קרענקען אַפּילו איהר וועלט מקריב צו זיין.

יענטעל: איז טאַקע פֿינסטער און ביטער. (אויפֿטריט אליהו).

אליהו: גוט אָוונט! נישט געווען נאָך דאָ מחלה? שוין אַוועקגעגאַנגען פֿון הויז אפֿשר צוויי שעה.

יענטעל: זי איז דאָ שוין געווען, זי איז מיט דער מאַמען אַרונטער געגאַנגען קויפֿען עפּעס אין אָרטשאַרד סטריט.

אליהו: אָרטשאַרד סטריטער מציאות. וואָס מאַכסטו טוביה? שוין אַ מעת לעת דיך נישט געזעהן עפּעס נייעס?

טוביה: וואָס פֿאַר אַ נייעס קען זיין אין 24 שעה.

אליהו: ביי אונז אידען איז אַ מנהג, אַז נאָך 3 טעג נישט זעהען דעם צווייטען, דאַרף מען געבען שלום עליכם, איך מיין אַז ווען אונזער גמרא זאָל געווען קענען נויאָרק, וואָלטען זיי געווען אַריינגעשריבען אַ דין, אַז מען דערזעהט זיך נאָך אַ האַלבער שעה, זאָל מען מאַכען אַ ברכה ברוך מחיה מתים. — אָט האָט מיך מיין מחלה נישט געזעהען 2 שעה און אַז זי וועט מיך דערזעהען, וועט זי דאַרפֿען די ברכה מאַכען.

יענטעל: פֿאַר וואָס זיידע?

אליהו: און איין האָר וואָלט איך געלעגען אונטער אַ קאַר (טראַמוויי) און זי וואָלט אַפּילו נישט געווען געקרוגען איין פּעני שאַדענערזאַץ ווייל דער קאָנדוקטאָר האָט געקלונגען און געקלונגען און איך בין אַלס געגאַנגען און נישט געהערט, ביז איך בין שיעור נישט איבערגעפֿאָהרען געוואָרען — אַ מערכה, ער האָט נאָך אין צייט געסטאפּט (אָבגעשטעלט) די קאַר.

טוביה: איהר גיט דאָך אָבער תמיד אַכטונג.

אליהו: תמיד אָבער נישט היינט, איך וויים דען אויף וואָס פֿאַר איין עולם איך בין! איך קלער נור אַלס וואָס קען זיין דער סוף? מיט וועמען איך רעד... (האַלט זיך צוריק). וואו איז לאה'קע? (קוקט אין צווייטען צימער).

יענטעל: זי איז אַרונטער געגאַנגען אין דראָגים זי קומט באַלד.

אליהו: מיט וועמען איך רעד, זאָגט מען מיר אַז עס איז צו דעם נישטאָ קיין איינציגע הילף. זי מוז פֿערזיצען ביז זי וועט

נישט קריגען א גט. (קורצע פויזע). איהר הערט! דער סעק־רעטער פון מיין סאסייעטי, איז א גרויסער קענער א איד א למדן, א משכיל, ער האט מיר נעכטען ביי דער מיטינג דערצעהלט, אז א גרויסער העברעאישער דיכטער (קלעהרט). יא! ר' יהודה ליב גארדאן, האט אין איינעם פון זיינע שירים אנגעשריבען א געדיכט ווי ער בעקלאגט און בעוויינט דאס אונגליק פון א אידישער טאכטער וואס איז געבליעבען אן עגונה פון א מאן. יאהרען זענען פער־פלויגען און זי איז געבליבען געזעסען און בעקלאגט איהרע יונגע יאהרען. אויף איינמאל איז מען ערפאהרען אז דער מאן זיצט ערגיץ אין סיביר, פאר א גרויס פערברעכען. עס האט אבגעקאסט א פערמעגען הונדערטער, טויזענדער, ביז מען האט פון איהם גע־קריגען א גט — און דער גט איז אנגעקומען האט איין רב דער־זעהען אז דער גט איז פסול, ווייל א „וויו" האט געהאט איין אבגעהאקט פיסעלע און זי האט געמוזט פערבלייבען איין עגונה ביז אין טויט.

יענטעל: דורך אן אבגעהאקט פיסעלע פון א יוד האקט מען אב דעם קאפ פון א מענש! שעהנע דינים!

אליהו: יא יא! מיין קינד, אזוי ווי דאס שניידעריי האט קיין גרונד נישט אזוי האט די תורה מיט איהרע דינים קיין גרונד נישט. דער סעקרעטער האט מיר געזאגט אז דער דיכטער האט דעם שיר טאקע דערפאר געשריבען, פאר א פראטעסט אויף אזא אבזורדיגען דין. — נור וואס! מיר פראסטע פשוט'ע מענשען האבען קיין רעכט אין דער תורה'ס דינים אריינצוקלעהרען.

טוביה: ווידע! איהר זענט דאך א קלוגער מענש, לאזט מיך זעהן, לאה'קע האט דאך אייך זעהר ליעב, אפשר וועט זי אייך פאלגען. עס איז דאך אמעריקא, ווער וועט אונז וויסען. מיר קענען ארויס מופען (איבערזיעדלען) קיין פילאדעלפיא, און דארטען קענען מיר חתונה האבען כדת משה וישראל.

אליהו: כדת משה וישראל וועט עס נישט הייסען און איך וועל אייך דאצו קיינמאל נישט ראטען. איך וואלט אבער

ווי די זאָגסט אַלס קלוגער מענש, איך קיינמאָל קיין פאָרוואורף געמאַכט אַז איהר ווערט עס האָבען געטהון.

טוביה: זיידע! דאָס קרבן פון דעם מערכען־הענדלער האָבען מיר געראַטעוועט, דאָס קרבן פון די אכזר׳ישע ציין פון עלים אויילאַנד האָבען מיר צוריק אַרויסגעריסען, אָבער דאָס קרבן פון דעם דין פון דער תורה, וועלען מיר נישט קענען ראַטעווען. ווען איך רעד מיט לאה׳קען, איז איהר איינציג וואָרט אַז די וועלט ווערד איהר נמאס. (אויפטריט לאה׳קע). (זי איז בלייך און זעהט זעהר שלעכט אויס). וואו ביזטו געווען לינאַ?

לאה׳קע: נישט לינאַ! נור לאה׳קע! אַזוי ווי דער טאַטע, די מאַמע רופען מיך. — לאה׳קע! דוכט זיך מיר אויס אַז איך בין נאָך אין לעמבערג אין חלום פון אַ גליקליכער צוקונפט און די געדאַנקען לויפען אין קאָפּ אַזוי ריין לויטער; און אַז מען גיט מיך אַ רוף „לינאַ"! גיט מיט מיר אַ ציטער דער גאַנצער קערפּער, דער קאָפּ ווערד מיר ווי פערמישט. עס דוכט זיך מיר אַז... וואָס מאַכסטו זיידעניו? פון נעכטען אויף דער נאַכט, זייט דו ביזט אַהיים געגאַנגען האָב איך נאָך קיין לאַך נישט געגעבען.

אליהו: איך וועל דיר היינט אויך זאָגען ווערטעלעך און וועסט ווידער לאַכען, נור לאַכען מיין קינד! מונטער, פריילעך! און זעהסט דאָך גאָט שיקט אויף אונז אַלע מאָל די ישועה. טאַקע פּאַוואָלינקע, לאַנגזאַם, אָבער ער שיקט זי. — ער האָט אַזוי ליעב דער רבונו של עולם, אַביסעלע זיך צו רייצען, ווי אין פּסוק שטעהט, ווענען גאָט האָט ליעב מיט דעם רייצט ער זיך.

יענטעל: איך וואָלט איהם געבעטען, עס מעג שוין זיין ווייניגער אַביסעל ליעבשאַפט.

טוביה: מיין לאה׳קע־לעבען איז פּונקט ווי גאָט, טהייער, גוט, און הייליג און מיט מיר האָט זי זיך ליעב צו רייצען אַזוי ווי גאָט, ווען איך וויל זי זאָל מיר געבען אַ קוש (נעמט זי אַרום, קושט זי).

אליהו: אוי! אָבגעהיט זאָלסטו ווערען, אַז איהר קוש זאָל

זיין אזוי ווי גאטס, דער גוטער רבונו של עולם האט משהן רבינו א קוש געגעבען, איז ער אויפן ארט געשטארבען.

טוביה: מיט דעם איז שוין מיין לאה׳קעלע פונקט פערקעהרט, ווען זי גיט מיר א קוש, פיהל איך אין מיר מעהר לעבען.

אליהו: מרים, משה רבנו׳ס שוועסטער איז אויך געשטארבען, פון א קוש וואס גאט האט איהר געגעבען.

יענטעל: זיידעניו! א פרוי האט גאט א קוש געגעבען?

אליהו: דינים פון מעגען און נישט מעגען זענען נור פאר מענשען. אבער גאט איז דאך קיין מענש נישט, נור א גרויסער גאט.

טוביה: זיידע! אמת! איהר האט דא ערשט געזאגט, איידער לאה׳קע איז אריינגעקומען, אז ווען מיר האבען חתונה אהן די אלע נארישקייטען, וואלט איהר אונז קיין פארוואורף נישט געמאכט, נישט געזאגט אז מיר האבען שלעכט געטהון.

אליהו: איך האב עס נישט אנגערופען נארישקייטען, ווייל א דין איז א דין. נור איך וויים אז שבת ארבייטען, טור מען אויך נישט, לויט א דין פון דער תורה און פיעלע טאטעס, עהרליכע, פרומע, פארקוקען און האבען זייערע קינדער ליעב, כאטשע זיי זעהען זיי אויף דעם דין עובר זיין. — יענטעל! ביז די מאמע וועט צוריק קומען, מיט מחלה׳ן, מיט די ארטשארד סטריטער מציאות, קום אריין אין קיטשען און גיב מיר עפעס איבערצוכאפען דאס הארץ נאגט מיך.

יענטעל: איך האב טאקע גאר פערגעסען, מיר האבען פאר דיר איבערגעלאזט דיין מאכל.

אליהו: אוודאי פאטייטיניק (בולבעניק).

יענטאל: געטראפען.

אליהו: עה דו קלאפטע! האטט פאטייטיניק און איך בין שוין אזוי לאנג דא און מיר גלאך נישט געגעבען, נו קום שוין,

קום שוין. (גֵעהֵענד). הֵערסט לאה׳קֵע לֵעבֵען, דֵעם טאָג ווֵען דײַן מוהמֵע באַקט מיר אָב אַ פּאַטײַטיניק פוילש זי בײַ מיר כל טוב אפילו פון פויגֵעל מילֵעך (בײדֵע אָב). (נֵעמט אַרויס אַ קלײַן בּאַטֵעלֵע בּרומאַ-סֵעלצֵער). טוביה! פליֵעס, גיב מיר אַ גלֵעזֵעל וואַסֵער (עֵר אָב אין קיטשֵען. — זי עֵפֵענט דאָס פלֵעשֵעל — עֵר קומט מיט וואַסֵער — גיט אַרײַן אין גלֵעזֵעל — טרינקט עֵס אויס).

ט ו ב י ה: פון וואָס האָסטו אַזוי די קאָפּ שמֵערצֵען? (גֵעֵרגֵערט).

ל א ה ׳ ק ֵע: מֵען קֵען וויסֵען פון וואָס? — נו! וואָס האָסטו דיך אַזוי דֵערשראָקֵען? קאָפּ-שמֵערץ איז אַ גוטֵע זאַך, ס׳איז אַ סימן אַז מ׳האָט אַ קאָפּ. טוביה! דו ביזט עֵרגיץ גֵעווֵען מיט׳ן טאַטֵען?

ט ו ב י ה: יאָ בײַ זֵעהר אַ גרויסֵען רב.

ל א ה ׳ ק ֵע: וואָס האָט דֵער רב גֵעזאָגט?

ט ו ב י ה: אין הֵענרי סטריט האָט מֵען גֵעזאָגט דֵעם טאַטֵען גֵעפינט זיך אַ רב וואָס עֵר קֵען אויסזוכֵען אַ ווֵעג, דיך אויפצובינדֵען דֵער טאַטֵע איז צו איהם גֵעגאַנגֵען.

ל א ה ׳ ק ֵע: און ווֵען נישט?

ט ו ב י ה: ווֵעלֵען מיר וואַרטֵען ביז גאָט ווֵעט הֵעלפֵען.

ל א ה ׳ ק ֵע: ווֵען גאָט זאָל ווֵעלֵען, צו אַזאַ אונגליקליכֵע ווי איך בין, הֵעלפֵען, וואָלט דאָך דֵער דין אין דֵער תורה נישט גֵעווֵעזֵען טוביה! איך גֵעפין מיך צווישֵען צווײ פײַערן, מײַן ווֵעלט איז פֵערשפּילט, מײַן לֵעבֵען האָפנונגסלאָז פון די רבנים׳ס דינים ווֵעט איהר מיך שוין נישט קֵענֵען ראַטֵעווֵען. ביז צום קבר ווֵעל איך מײַן שאַנדֵע און מײַן אונגליק מיט מיר שלֵעפֵּען.

ט ו ב י ה: דײַנֵע לײַדֵען ווֵעל איך מיט דיר טהײלֵען. און האָפנונג אויפגֵעבֵען דאַרף מֵען נישט.

ל א ה ׳ ק ֵע: אַז דו ווֵעסט מיט מיר מיטלײַדֵען דאָס ווײַס איך, אָבֵער די עגונה בלײַב איך. דו ווֵעסט לײַדֵען אַ צײַט, אַ יאָהר און צווײ און אפשר לֵענגֵער און די ווֵעסט דיך דאָך בֵּעפרײַען.

איך וועל עס איבערהויפּט נישט פֿערלאַנגען, ווײַל עס וואָלט צו נאַריש געוועזען פֿון מיר דאָס צו טהון, דײַן וועלט איז פֿאַר דיר נישט אָבגעשניטען.

טוביה: אָבגעשניטען! אין פּאַרוויסט אָן דיר. איך האָב שוין דעם טעם געפֿיהלט אין דעם יאָהר וואָס ביזט נישט געוועזען. לעבען מיט דיר, אָדער צוגרונדע געהן בײַזאַמען! — אָבער צו וואָס די טענות? מיר וועלען נאָך גליקליך זײַן, איבערהויפּט אַז דו וועסט וועלען אײַנזעהן, אַז דער טאַטע וועט גאָר נישט לײַדען דערפֿון, ווען מיר וועלען עובר זײַן אויף אַ דין, ווי זאָגט דער זיידע; הלמאי מען אַרבייט שבת, כאָטשע מען טאָר נישט, דערזעלבער דין, מיר וועלען חתונה האָבען און זיך לעבען גליקליך און פֿאַרפֿאַלען.

לאה'קע: נײַן טוביה! נישט פֿאַרפֿאַלען. דו זעהסט נישט די עלטער וואָס האָט אויף דעם טאַטען אָנגעריקט איבער דער צײַט דו בעמערקסט, ווי ער ווערט יעדען טאָג גראָ און אַלט, ווי צעבראָכען ער איז אין דעם אײנעם יאָהר געוואָרען, צוליעב מיר און אַצינד זאָל איך אים נאָך מיט אייגענעם ווילען פּערוויסטען זײַנע איבריגע יאָהרען, זײַן רעשט לעבען פֿערפֿינסטערען. — געגען טאַטענס רצון וועל איך נישט טהון. בײַם טאַטען זאָל איך ווערען ווידער בעטראַכט פֿאַר אַ זעלכער, וואָס זי זיצט אין שאַנדהויז. מײַן לעבען מיט'ן מאַן זאָל הייסען בײַ אים אונמאָראַליש. נײַן טוביה! מײַן לעבען וועל איך מקריב זײַן און דאָס וועל איך נישט טהון (וויינט). טוביה! אויב די וועלט מיט איהר גאַנצער שעהנקייט, קען מיר אַזוי מײַן לעבען פּערוויסטען, אויב די שעהנע ברענענדיגע זון קען מיר אַזוי קאַלט און פֿינסטער שײַנען דאַן... (וויינט שטאַרק אויף אים). איך וויל נישט לעבען טוביה! איך וויל נישט (וויינט שטאַרקער).

טוביה: דו טרײַבסט מיך צו שגעון, דײַנע שלעכטע געדאַנקען וועלען מיך פֿון דער וועלט ברענגען. — לאה'קעניו! דו געהסט אַרום מיט שרעקליכע מחשבות איך בעט דיך פֿאַרטרײַב זיי פֿון דיר. דיזעלבע וועלט מיט איהר פּראַכט און גלאַנץ וועלען

נאָך דײַן גליק בעצידרען, די זון איז נור אַביסעלע פֿערוואָלקענט אָבער דו זעהסט ווי אַלע כמאַרעס פֿערשוואונדען, אַלע מאָל ווערט ווייניגער און דער אײנער וואָלקען וועט אויך אַוועק איך בעט דיך! וויין נישט בערוהיג דיך! (אויפֿטריט ליבעל. לאה'קע ווישט אויס די אויגען ער זאָל נישט דערקענען).

ליבעל: (ער ערבליקט זי האָט געוויינט). שוין ווידער געוויינט! איך בעט דיך וויין נישט! וויין נישט טאָכטער מײַנע! (גראָבט אײַן איהר קאָפּ אין זיך). אוי דער קאָפּ איז דיר וואַרם,

לאה'קע: איך האָב אַביסעל קאָפּ־שמערצען.

ליבעל: דו נעמסט דאָך דיר עפּעס אין הראָגים וואָס העלפֿט דיר?

טוביה: זי האָט שוין גענומען!

ליבעל: וואו איז די מאַמע?

לאה'קע: ערגיץ אַרונטער געגאַנגען מיט דער מוהמע מחלה.

(אויפֿטריט אליהו יענטעל).

אליהו: איך האָב געמיינט, די מאַמע מיט מחלה'ן זענען שוין דאָ. וואָס האָסטו עפּעס פֿערזאָרגט אַ גאַנצען טאָג? ליבעל!

ליבעל: איך בין אַרומגעוואַנדערט צווישען די רבנים און קיינעם טהוט דער שמערץ נישט אַזוי וועה, ווי דעם טאַטען, פֿון אַלע מיך צוריקגעקעהרט אָן אַ שטיקעל האָפֿנונג פֿון ישועה.

טוביה: מיסטער רעדליך! לאָמיר היינט בײַ נאַכט מאַכען אײַן ענדע צו אונזערע צרות, לאָמיר איבערלאָזען די רבנים בײַ זייערע דינים און האַנדלען ווי דער שכל זאָגט אונז.

ליבעל: איבערלאָזען די רבנים בײַ זייערע דינים, דאָס הייסט אַ תל מאַכען פֿון אונזער גאַנץ אידישקייט — אָט די דינים. אמת, צווישען זיי איז דאָ פֿיעלע האַרבע וועלכע קענען אַמאָל קאָסטען דעם מענשענס לעבען, אָבער זיי דערהאַלטען אונז און אונזער לאַנגען גאַנג און גלות, מיר וואָלטען שוין לאַנג געווען זיך צושמאָלצען צווישען אַנדערע פֿעלקער ווען נישט די דינים און וואויל איז צו דעם מענשען וואָס קען זײַן לעבען אָפּפֿערן צו ליעב אַ דין, גלויבען

אין גאָט איז אויך נישט מעהר ווי אַ געבאָט און וויפיעל מיליאָנען מענשען, האָבען זיך זייערע לעבענס מקריב געווען, און פייער פערברענט געוואָרען, צוליעב אונזער „אמונה". ווייַן נישט טאָכטער. (קושט זי). וואוויל איז דיר, אַז דו וועסט מיט דעם דיין מקדש השם זייַן.

אליהו: ווי איך בין אַ שנײַדער, אָבער נאָך תמיד נישט פערגעסען אַ פּרשה חומש. — מענשען קרבנות דוכט זיך מיר וויל נישט אונזער גאָט. — צו פערברענען די אייגענע קינדער צו עבודה זרה מולך, הייסט אונז אונזער תורה נישט. — אויב די קינדער ווילען אויף אַ דין עובר זייַן, דאַרף דער טאַטע זיי נישט הייסען, אָבער פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם חטא, זענען נישט קיין קינדער פאַר קיין עלטערען און עלטערן פאַר קיין קינדער.

לייבעל: אָט דערפאַר זאָגט איהר דאָס ווייַל איהר געדענקט נישט מעהר ווי נאָך אַ פּרשה חומש. איהר האָט אָבער שוין פאַרגעסען, אַז גאָט איז אַ אֵל קנא ונוקם. ביז צום פיערטען דור בעצאָהלט גאָט די קינדער פאַר די עלטערנס חטאים. — עובר זייַן אויף אַ דין; ס'איז אַ פראַגע אויף וועלכען דין. — עסען חזיר, עובר געווען אויף אַ דין. אַרבייטען שבת און נאָך פיעלע דינים אַזעלכע, דאָס איז נור דער מענש פאַר זיך אַליין דער חיב אויף אָבצוגעבען דין וחשבון. — אָבער דער דין!! מיט דעם דין עובר זייַן הייסט ברענגען אונעהרליכע קינדער אויף דער וועלט פערפלאַנצען אַ דור פון ממזרים. — ניין! איך וויל עס נישט דערלעבען! גאָטעניו! איך וויל עס נישט דערלעבען! (מיט שמערצען). מאַך אַ תל פון דער גאַנצער פאַמיליע! שיק אַראָב אַ פייער און פערברען אונז אַלע מיט איינמאָל, איידער איך זאָל ווייטער לעבען און... (כאַפּט אַרום לאה׳קען). קינדערלע! דער טאַטע וואָלט אוודאי געוואָלט זעהען נחת בייַ זייַן געליעבטע קינד. — אָבער דער דין!!... די הייליגע תורה איז ביי אונז אידען דושוב׳ער ווי אונזער לעבען און אונזערע קינדער׳ס לעבען.

לאה׳קע: דיר טאַטעניו פערשאַפען שמערצען וועט דיין

לאה׳קע קיינמאל נישט, דיין טאכטער וועט דיר דיין פנים נישט
פערשווארצען מיט איהר אייגענעם ווילען. טאטעניו! איך רעכען
אז דער דין זאל דוקא זיין קלוג אנגעשריעבען. די תורה האט זעהר
גוט פערשטאנען, דען וואס פאר א ווערטה קען שוין אזא אומ-
גליקליכע ווי איך האבען ביי איהר מאן, ער זאל זי ווי ליעב הא-
בען. — עס איז שוין בעסער, איהר צו פערביעטען חתונה צו האבען
איידער אזא ביטער לעבען אפצופיהרען. — נור זי וואלט נאך בעסער
געוועזען אנגעשריעבען, אז אזאלכע ווי איך, ווען זי ווערט בעפרייט
זאל מען איהר תיכף געבען א לעפעל גיפט, אומצואנצען זי אפ-
צורוימען פון דער וועלט. אט דאס טאטעניו! וואלט געוועזען דער
בעסטער דין.

טוביה: מיסטער רעדליך! איך מוז אייך זאגען דעם אמר
לאה׳קע גערט ארום מיט זעהר שרעקליכע געדאנקען, זי שרייט א
די וועלט ווערד איהר נמאס.

לאה׳קע: טאטעניו! הער איהם נישט, ער איז פערליעבט
נעמט ער יעדעס ווארט ערנסט, ציטערט ער פאר יעדער בעוועגונג
וואס איך מאך. — ווי קען מיר זיין אזא שעהנע וועלט נמאס
ווי וואלט מען געקענט וועלען פטר׳ן אזא וועלט מיט אזעלכע אנ
שטענדיגע, נאבלע, פיינע און גוטע מענשען, וועלכע איך האב
אין דעם איינעם יאהר קענען געלערנט. — ווי גליסט זיך נישט צ
ליעבען אויף א וועלט מיט אזעלכע שעהנע דינים, וואס מאכען פא
העלדען טאטעס איבער זייערע קינדער און פערוויסטען ווייטער
דורות אויב מען האלט נישט די דינים, טאטעניו! (ווי פערווירט
דער דין איז א הייליגער איך וועל אויף איהם נישט עובר זיי
דער קאפ! דער קאפ טהוט מיר זעהר וועה. (טאמעלט). איך ווע
דיר טאטעניו נישט מאכען קיין בושות מיט אייגענעם ווילען. אי
דער קאפ ווערד מיר צעשפאלטען אויף טויזענד שטיקער. (פאל
אויף׳ן טשער (זעסעל) — זיי לויפען שנעל צו איהר. פיהרט מ
אין בעדרום. (שלאף צימער).

ליבעל: וואס איז דיר לאה׳קעניו? קום אהער און

לאַנטש (קאַנאַפּע) נעבן דער ווינדע (פֿענסטער) אַביסעלע לופֿט, וועט דיר בעסער ווערן, (זיי פֿירן זי צו — זי ליגט זיך אויפֿ׳ן לאַנטש — עפֿענען אַ ווינדע). גאָטעניו! לאָז מיך וויסן! פֿאַר וואָס? פֿאַר וואָס קומט דאָס אַלעס מיר? (וויינט אַביסעל ווייטער פֿון איהר — טוביה זיצט נעבן איהר).

לאה׳קע: וויין נישט טאַטע! דיין לאה׳קע וויל דיך נישט זעהן וויינען!

ליבעל: איך ווייס קינדעלע! איך וויין שוין נישט.

(אויפֿטריט גליקעל — מחלה).

גליקעל: (דערזעהענדיג לאה׳קען ליגען). וועה איז מיר וואָס איז דעם קינד?

יענטעל: שרעקליכע קאָפּ-שמערצען.

גליקעל: וואָס איז לאה׳קעניו? דו האָסט דאָך עפּעס אַ פֿרישען פּנים געהאַט.

יענטעל: שוין גענומען און עס סטאַפּט (שטילט) נישט.

מחלה: נו! וואָס-זשע שטעהט מען אַ נאַס האַנדטוך העלפֿט דאָך איהר אויך, מ׳שטיינס געזאָגט, שטעהן דריי מאַנספּערשוינען און וויסען נישט וואָס צו טהון (לויפֿט און קישען ברענגען אַ נאַסען האַנדטוך).

גליקעל: וואָס הערט מען ליבעל?

ליבעל: גאָר נישט, דאָס אַלטע ליעדעל.

גליקעל: וואָס וועט זיין דער סוף?

לאה׳קע: זעהר גוט מאַמעניו! מיר האָבען אַ גרויסען, אַ גוטען גאָט און דער וואָס האָט מיך בעפֿרייט ביז היינט פֿון אַלע צרות, וועט מיך ווייטער בעפֿרייען, גאָט וועט העלפֿען.

ליבעל: אמת! אמת! נור ער! און נור בטחון צו איהם און וואַרום איז דיר מיין קינד וואָס דו פֿערליערסט נישט דיין בטחון צו איהם. (מחל׳ה קומט צוריק מיט דעם האַנדטוך).

מחלה: (וויל איהר צולייגען). לאָז לאה׳קעניו!

לאה׳קע: נישט נייטיג! דער דאָקטאָר האָט מיר געגעבען אַן

אַנדערע מעדיצין, אַז ס׳וועט מיר נישט סטאַפּען דער שמערץ, זאָל איך דאָס נעמען.

ט ו ב י ה: מיסטער רעדליך! אמת, איך בין יונגער פון אײַך ווײניגער געלערנט אויך, אָבער דאָ וואו עס האַנדעלט זיך אין מענשען לעבען, אין מענשען קרבנות מעג אַן עלטערער הערען אַ יונגערען. — דינים, געזעצע זענען זעהר גוט, נור ווען מיר פערשטעהען זיי, ווען דער שכל בעגרײַפט זיי, אַז אין פאַל איך וועל דעם דין, דאָס געזעץ נישט הערען, באַגעה איך דערמיט אָדער אַ פערברעכען צו דער מענשהײַט, אָדער אַ לעסטערונג פאַר גאָט. — אָבער אַזאַ דין, וואָס דער דין אַלײן איז אַ פערברעכען געגען דער מענשהײַט און מען הענגט אָן אַז גאָט וויל אַזוי, איז דער דין אַלײן אַ לעסטערונג פאַר גאָט, איהר זאָלט וויסען אַז איהר שפּיעלט אײַך מיט אײַער טאָכטער׳ס לעבען, ווי אין קאָרטען און איך האָב מורא איהר וועט פערשפּיעלען. — מיסטער רעדליך! דער דין איז דאָס געוויסען פון׳ם מענשען און אונזערע געוויסען וועלען אונז קײנמאָל נישט פּלאָגען פאַר עובר זײַן דעם דין.

ל ײ ב ע ל: איך האָב עס אײַך שוין געזאָגט אײנמאָל און זאָג עס נאָך אַמאָל, אונזערע הײליגע ספרים האָבען קײן אײן אות נישט אין זיך, דאָס זאָל נישט זײַן לויטער קדושה. דער דין בעוואָרענט אַז מיר זאָלען נישט פערפלאַנצען דורות פון ממזרים. אין דעם רײניקײט פון אונזערע פאַמיליען־לעבען הענגט אָב די גאַנצע ױדישע אמונה. הײליג און רײן איז אונזער גאָט און הײליג און רײן דאַרף זײַן זײַן פאָלק! (לויפט צו צו לאה׳קען). קינדעניו איך וויל נישט שפּיעלען מיט דײַן לעבען אין קאָרטען. (צערווײנט זיך). אויב איהר פערשטעהט בעסער, טהוט ווי איהר ווילט, האַנדעלט נאָך אײַער יונגען שכל.

ל א ה ׳ ק ע: (זעצט זיך אויף אויפ׳ן לאַנטש). טאַטעניו! איך בין דײַן טאָכטער און מײַן וואָרט איז הײליג, אוי דער קאָפּ פּאַקט מיך שטאַרקער. גיט מיר אַביסעל וואַסער אפשר וועט דאָס העלפען. (מען דערלאַנגט אַביסעל וואַסער — זי גיט אַרײַן פון

פֿלעשעלע). ווײַן נישט טאַטעניו. (טרינקט עס אויס). עס ווערט מיר באַלד בעסער ווערן. (ניט טובֿיה'ן דאָס פֿלעשעלע ער ער־בליקט דאָס טויטענקעפּעל (צייכן פֿון גיפֿט) אויפֿ'ן פֿלעשעל).

טובֿיה: (פֿערווירט). אַ טויטען־קעפּעל, אַזוי ווי אויף גיפֿט: — (אַלע לויפֿן שנעל צו).

לאַה'קע: דאָס איז נישט קיין גיפֿט נור אַ רפֿואה צו מײַנע שמערצען.

יענטעל: (לעזט איבער). דאָס איז גיפֿט — שנעל נאָך דאָקטוירים! (מחלה לויפֿט אַב).

אַלע: לאַה'קעניו! וואָס איז דאָס? וואָס האָסטו געטוהן?

לאַה'קע: (גיפֿט פֿאַנגט אָן צו ווירקען). איך האָב מיך באַפֿרייט פֿון לײַדען, דעם טאַטען פֿון בושה. (ווירקט מעהר).

אַלע: (פֿערווירט). אָן אונגליק! ראַטעוועט.

לאַה'קע: טאַטעניו! אַ גוטער דין! די רבנים, די תורה איז גערעכט, אַבער מײַן דין איז אַ בעסערער, זײַ מיר מוחל טאַטעניו! (פֿאַלט אַב לאַנטש — קאַנוואַלזיאָן. סעקונדע — טויט).

ליבעל: (וועלכער איז שטאַרק פֿערווירט געוואָרען. פֿאַלט אויף איהר ווײַנט שרעקליך). טויט מײַן קינד. די ענדע פֿון מײַן נחת, אַ סוף צו מײַן האָפֿנונג. ווי שווער מײַן הערץ איז אַצינד געבראָכען געוואָרען. וועה איז צו דעם טאַטען וואָס מען רײַסט בײַ איהם אַרויס זײַן נשמה, זײַן אַפּעל פֿינ'ם אויג. — דאָך בין איך שטאָלץ מיט דיר מײַן קינד. פֿון אַבֿרהם'ן האָט גאָט פֿערלאַנגט דאָס קינד פֿאַר אַ קרבן און בײַ דער לעצטער מינוט האָט ער איהם צוריקגעהאַלטען און בײַ מיר גאָטעניו האָסטו טאַקע דאָס קרבן פֿערלאַנגט, נעם עס דיר איך גיב עס דיר איך דאַנק דיר האָסט מײַן וואונש ערפֿילט איך וועל זעהן וואו אַהין עס קומט אַהין מײַן שעהנער לאַה'קעלעס קערפּער, דער טאַטע וועט ווענינסטענס האָבען אַ באַרג ערד פֿון זײַן טאָכטער. גאָטעניו! דו ביסט גערעכט. (פֿאַלט מיט הערצליכען געוויין אויף איהר קערפּער). ברוך דיין אמת!....

פֿאָרהאַנג פֿאַלט לאַנגזאַם.